UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 136 - Fall 2000 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/997959cg

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 136(1)

**Publication Date**
2000

**Copyright Information**
Copyright 2000 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

# 136

AUTUMN
2000

האַרבסט
תשס"א

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער**
**ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.**

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"*

---


# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



**EDITORIAL BOARD:**

**MOȘHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

**ADMINISTRATIVE COMMITTEE**

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


י.ל. פרץ: די ירושה ........ 3

ל. פינקלשטיין: אויפן וועג צו דער פּערזענלעכקייט ........ 6

ד. ראָזנטאַל: לעאָ פינקלשטיין - פראַגמענטן פון זיין לעבן און שאַפן ........ 10

מ. שקליאַר: לידער ........ 14

מ. וואָלף: דער ניט יידישער ייד, "דער קלוגער דבי" איסאַק (יצחק) באַבעל ........ 17

ל. באָראָוויק: ליד ........ 27

צ. אייזנמאַן: צוויי מיניאַטורן ........ 28

ד. וואָלפּע: הער בייער אין גרוב ........ 29

פּ. פּלאָטקין: לידער ........ 36

מ. קאָראַל: ווילניוס/ווילנע 1998 / 1941 ........ 38

י. פּיווין: ליד ........ 46

ע. יסעור: וועגן יוסף פּיווינס לידער־בוך ........ 47

ב. שעכטער־גאָטעסמאַן: לידער ........ 48

מ. אייזענבוד: אין חשבון האָט עפּעס ניט געשטימט ........ 49

ש. סימכאָוויטש: לידער ........ 55

ל. לערמאַן: לידער ........ 56

א. ביידער: אַפאָריזמען ........ 58

ע. פישבין: חיים סוטין אין ירושלים ד'ליטא ........ 59

ל. מייזנער: צום אָנדענק פון יאָסל מלאָטעק ........ 64

א. ביידער: אין אָנדענק פון רחל בוימוואָל ........ 66

*אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 67

י. סאָסקי: ארכיוו־ווינקל ........ 68

שטיינמאַן: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 69

ל. מייזנער: דאַנק־ווערטער ........ 70

באַגריסונגען ........ 71-75

# חשבון

**נומ. 136**

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר: רעדאַקטאָר

ישראל גובקין: מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער

54־ער יאָרגאַנג, נומער 136 • האַרבסט 2000 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## י.ל. פּרץ

### די ירושה*

מען האָט צו וויסן געטאָן דעם גערטנער. אַז די שענסטע. די ווייסעסטע ליליע, וואָס ער האָט געפלאַנצט און דערצויגען, די שענסטע פון זיין גאָרטן, זיין שטאָלץ און זיין פרייד, איז איבער נאַכט פאַרשווונדן –

דורכגעפלויגן איז אַ ווינט און האָט זי אַרויסגעוואָרצלט, מיטגעריסען, אַוועקגעטראָגן, און אין ווילדן טרייב געוויס ערגעץ אויפן וועג פאַרלוירן --

עס האָט אים וויי געטאָן, דעם גערטנער.

עס איז זיין ליבסטע בלום געווען – זיין שטאָלץ, זיין טרייסט; האָט אים וויי געטאָן דאָס האַרץ.

* * *

ביים ברעג פון ים ליגט אַ שיפער און שלאָפט... ער האָט זיך אין מילדן אָוונט געלייגט... אויף דער קייט האָט זיך שטיל זיין שיפל געוויגט, און שטילע זיסע חלומות האָבן איינגעוויגט דעם שיפערס האַרץ־רייסנדיקע בענקשאַפט...

אַריבער וועט די נאַכט... אָנהויבן בליען וועט דער טאָג... אויף די וועלן־רוקן וועקן זיך גלאַנצן, אָפּגלאַנצן פון מאָרגן־רויט אין מזרח --באַפרייען וועט ער דאָס שיפל! און פון נאַכט און פינסטערקייט דערלייזט, וועט ער אַריינשפּרינגען מיט לוסטיקער קראַפט, רודערן – די רעשטלעך שאָטן און שלאָף פון די וועלן־רוקן פאַריאָגן – פּערל וועלען אויפשווימען און אַרומרינגלען זיין שיפל –

העי! העי! אין דער וויט, אין דער ברייט – איבער וועלן, איבער גלאַנצן, העט! העט! צו נייע ברעגן, צו נייע וועלטן –

און עמיץ גייט דורך, רירט׳ם אָן ביים אַקסל:

– שיפער – דיר חלומט, און דער ווינט האָט זיינס געטאָן, ער האָט אָפּגעריסן די קייט! די צאָרניק אויפגעברויזטע פאַליע האָט דיין שיפעל פאַרכאַפּט און פאַרטראָגן – און דער הימל, דער הימל צירנט, און דער ים צעוודערט זיך – רוק זיך אָפּ פון ברעג –

דער שיפער דערוואַכט.

און זיין האַרץ־ווויי דערוואַכט אין זיין אייביקער בענקשאַפט...

---

* צו דער 85־סטער יאָרצייט פונעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור י. ל. פּרץ דרוקן מיר צוויי קורצע פראַגמענטן פון זיין בוך "אין מיין ווינקעלע" און אַ שייכותדיקע עסיי פונעם שרייבער לעאָ פינקלשטיין, וועמענס 50־טע יאָרצייט פאַלט אויס היינטיקס יאָר.

* * *

די זון גייט אונטער, און דער פּאַסטוך אין וואַלד קאָן זיך זיינע שאָף נישט דערציילן. איינס פעלט, איינס האָט זיך פאַראירט... איינס - דאָס ווייסעסטע, דאָס יינגסטע און דאָס בעסטע...

ער רופט עס מיט די ליבסטע נעמען, מיט אַן אומרויקער פאַרבענקטער שטימע. פיר־פאַרכיק. וואַרפט אים דער וואַלד זיין שטימע צוריק - דאָס שעפל ענטפערט נישט. פון אים קיין קלאַנג...

און די זון זינקט אַלץ טיפער און טיפער, דיקער און דיקער לייגן זיך די שאָטן, אין נעפּל פאַרוויקלען זיך די ביימער...

געשווינד טרייבט ער אַהיים די הערט, פאַרשפּאַרט זי, און כאַפּט אַ לאַמטערן, צינט'ן אָן, און לויפט מיט האַרץ־קלאַפּעניש צוריק אין וואַלד אַריין, זוכן זיין געליבט שעפעלע, דאָס ווייסעסטע, דאָס בעסטע, דאָס יינגסטע --

קומט ער אין וואַלד אַריין, ציטעריק־שטראַלנדיק איז דאָס שוואַכע פלעמל, און פּלוצלונג וועקט זיך דער ווינט, גיט אַ יאָג און לעשט דאָס איינציקע ליכטל אויס -- אין פינסטערניש און שרעק פאַרזונקען בלייבט דער פּאַסטוך אין וואַלד.

* * *

און דעם גלויביקן איז מען געקומען אָנזאָגן:

- אַ דונער האָט אַריינגעשלאָגען אין דיין הייליקייט... דיין גאָט, אָן וועלכן דיין נשמה איז געהאָנגען, צו וועלכן דיין האַרץ האָט געבענקט, דיין איינציקע האָפנונג און רעטונג, - דיין גאָט איז אַראָפּגעפאַלן און האָט געפּלאַצט, און איז צושטויבט געוואָרן... און אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן און זיין שטויב אויפגעכאַפּט און צושפּרייט און צוזייט...

צוריסן איז געוואָרען דאָס האַרץ ביים גלויביקן.

* * *

און איך בין דער גלגול פון די אַלע...

איך האָב געירשנט די ווייטאָגן פון גערטנער, פון שיפער, פון פּאַסטוך, פון גלויביקן - דאָס אַלץ צוזעצט מיר די ברוסט.

1906

## צווישן געדאַנק און דיכטונג

שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט;
עמיץ קלאַפּט אין טיר.

און קלאַפּט אַזוי שטיל, אַזוי זאַכט...
ווער דאַרף אַזוי שפּעט צו מיר?
מיין האַלבן דרימל ווער שטערט?
און נישט דאָס אויער הערט,-
דאָס האַרץ, וואָס אייביק וואַכט...
ווער קלאַפּט אַזוי שטיל און זאַכט?...

און מיט אַזאַ ליבהאַרציקער ווייכקייט... קיין מאַן; דאָס איז קיין באַרירונג פון מענער־פינגער, און נישט קיין פיבערדיק קלאַפּען פון אַ פרוי, וואָס קומט אין שאָטען

פון נאַכט פון אַ זינדיקען פאַרלאַנג געטראָגען...
אַ מוטער קלאַפּט אַזוי; אַ שוועסטער, אָבער מיין שוועסטער היט איר קראַנקן־בעט, און מיין מוטער איז ווייט... ווייט... און איך פרעג, אָן ליפּן פרעג איך:
– ווער קלאַפּט?
איך ווייס, אַז די, וואָס קלאַפּט און מיין האַרץ הערט, וועט אויך הערן מיין האַרץ־באַוועגונג, אָן ליפּן־קלאַנג.
און דערהערט, ענטפערט זי:
– איך!
רחל? שולמית? שרה־בת־טובים? – ווער פון מיינע געליבטע געשטאַלטן?
אָבער פרעגן פרעג איך נישט; אַ בענקשאַפט האָט מיך שוין אָנגעכאַפּט.
אַ דורשט צום זען, אַ הונגער... איך עפן און לאָז אַריין די געשטאַלט.
און דערמאָן זיך ערשט: איך האָב קיין ליכט געמאַכט, און וויל עס טון.
מיט אַ שטילער האַנט־באַוועגונג פירט זי מיך אָפּ פון געדאַנק:
– איך בין נישט – זאָגט זי – די קעגנוואַרט, זאָלסט מיך בעסער זען ביי איר שטראַליק ליכט...
– איך בין די פאַרגאַנגענהייט – זאָגט זי – וואָס איז צוריק אין איר שאָטן־וועלט...
– און אין איינוועגס די צוקונפט, וואָס האָט זיך נאָך פון דער שאָטן־וועלט נישט אויסגעשיילט... גענוג דער בלאַסער לבנה־שטראַל פון פאַרהאַנג־שפּאַלט.
זענען מיר נאָך די אויגן צו, וואָס איך זע נישט און הער נאָר איר שטים?
און זי פליסטערט:
– איך בין מיד... פון וויטן וועג. לאָז מיך זיצן אַ ווייל...
-פון וויטן וועג? – פרעג איך איבער שטיל.
פון דער צוקונפט צוריק... אַהין איז מיין גאַנג און דער גאַנג פון פאָלק... גייט דאָס פאָלק נישט נאָך, אַליין גיין קאָן איך נישט, אַליין בין איך נאָר טרוים־געשטאַלט, מוז איך גיין צוריק...
און לייכט אָפּזיפּצנדיק:
– און אויף אַהין, צו אים, האָט מיר זיין ליבער נאָמען פליגל געגעבן, טראָגן זיי מיך... איבער וועלטן פון טרוימען, און חלומות זיס־שטראַלנדיקע... צוריק צום פאָלק פאַרבענקט, דינען מיר די פליגל נישט... איינגעשרומפּן ווערן זיי. קוים וועגד איך מיין פּנים צוריק... און זיי דאַרן אָפּ, די פליגל מיינע... מוז איך גיין; ווער איך מיד....
זי שליסט די אויגן צו, און מיר דאַכט: גאָט האָט אין זיין הימל צוויי שטערן אין הימל פאַרלאָשן...
– לאָז מיך רוען – בעט זי זיך מיד – איך מוז אַהין... צו אים...
צוריק אין וועג אַריין מוז איך... איך האָב נאָך קיין פלאַץ צווישן אייך... לאָז מיך רוען, אין דער רו וועלן מיר צוריק אויסשפּראָצן פליגל מיינע, צום וויטן, וויטן וועג... צו אים...

זי בלייבט שטיל, שטרענג איך די אויגן אָן און דערזע די געשטאַלט...
לופטיק, אַ נעץ פון שאָטן און שטראַלן, איז זי.
דערמאָן איך מיך:

←

לעאַ פינקלשטיין

# אויפן וועג צו דער פּערזענלעכקייט*

די יידישע ליטעראַטור האָט אירע ערשטע וואָרצלען געשלאָגן אויפן באָדן פונעם כּלל־לעבן. שוין נישט צו רעדן פון די מוסר־זאָגערישע משׂכּילים, האָבן אויך מענדעלע און שלום־עליכם דערעיקרשט זיך אינטערעסירט מיט די דערשיינונגען פון דעם יידישן כּלל־שטייגער. אַפילו ביי פּרצן --. דעם דיכטער פונעם אינטראָספּעקטיוון "משוגענעם בטלן" - הערשט, אין דער "שטריימל"־תּקופה פון זיין שאַפֿן, דאָס פאָלקיש־קאָלעקטיווע. ערשט שפּעטער הייבט זיך אָן די יידישע ליטעראַטור אַראָפּצולאָזן צו די אונטערשטראָמען פונעם לעבן, כּדי פון דאָרט אַרויסצופאַנגען דעם אויסגעטיילטן, דעם יחיד.

אַ פּרוּוו צו גיין מיט זייטיקע שטעגן און "אַרויסהויבן" דעם יחיד האָבן געמאַכט ה.ד. נאָמבערג, אנכי, ווייטער אַ. אַנד. צו קינסטלערישער שלמות איז עס דערגאַנגען ביי דוד בערגעלסאָנען (הגם פּסיכיש שטעקן אויך זיינע "אַרויסגעהויבענע" אין אַ געשלאָסענער סביבה). יחידישע געשטאַלטן ביי די דאָזיקע שרייבער זענען אָבער נישט קיין פיגורן מיט שטאַרקע און רייכע איבערלעבונגען, וואָס זאָלן קאָנען דינען ווי אַ פּריזמע פאַר אַ טיפערער לעבנס־אָפּשאַצונג. אונדזער אינדיווידואַליסטישע ליטעראַטור איז נישט ביכולת מיטצורייסן. פרעגט זיך: שוין־זשע האָט דאָס יידישע לעבן נישט אַרויסגעגעבן קיין איין באַדייטנדיקן מאָדעל, קיין איין קינסטלערישן מוסטער פון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט?

אמת, דאָס יידישע לעבן איז אין משך פון דורות געווען איינגעוויגט אין אַ מין מעכאַניש־אינערטן ריטם און נישט איינעם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלץ איז שוין דאָ פאַרגליווערט געוואָרן. אַזאַ אָפּשאַצונג איז אָבער געווען אַ ריין אויסנווייניקסטע. ביי דער גאַנצער דרויסנדיקער אינערטישקייט האָט דאָ עקזיסטירט אַ רייכע גייסטיקע וועלט, וואָס האָט זיך אַליין געשפּייזט.

די יידישע ליטעראַטור האָט, אַחוץ אין אויסנאַמס־פאַלן, נישט באַוויזן אַריינצודרינגען ווי געהעריק אין דער דאָזיקער וועלט. איין וועג אירער האָט געפירט צו אַ

---

שאָטן פון פאַרגאַנגענעם,
קוים איבערגעלעבטן קוואַלן...
און אַריינגעהאָפּטן ווערן בלאַסע, בלאַסע שטראַלן
פון קוים געהאָפּטן,
נאָך אין נעץ נישט געפאַנגענעם...
כאַפּט מיך אָן אַ שרעק.
- ווער ביסט דו? - שריי איך אויס.
זי עפנט די אויגן, וואָס האָבן שוין אויפגעשטראַלט, און ענטפערט מיט אַ האַרפן־שטים:
- כּנסת ישׂראל!...
- דו לעבסט? דו ביסט? דו האָסט אַ ממשות?
זי האָט אָבער שוין געהאַט זיך אויסגערוט, די פליגל־שוין אויפגעשפּראָצט, און איז - ווי געקומען פאַרשוווּנדן.

1913

קנאַפּ־קינסטלערישער, נעגאַטיווער, משכּילישער אָפּשאַצונג, אַן אַנדער וועג האָט געפירט צו אַ מין פיינעם ראָמאַנטישן נעפּל, וואָס האָט איינגעהילט די מחנה אַלס גאַנצע און כּמעט אינגאַנצן פאַרשטעלט דעם ראש־המחנה - דער פירער. אַוודאי האָבן זיך נישט אַלע פירער פון דער מחנה אויסגעצייכנט מיט עכטקייט; נישט איינער פון זיי איז געווען אַן עפּיגאָן, וואָס האָט בלויז געמינצט דאָס גאָלד פון די פאָרגייער און אַ טייל, ווידער, האָט גייסטיק פּאַראַזיטירט. פונדעסטוועגן האָבן אַפילו בלינדע געקאָנט דערזען אין יידישן לעבן באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט, וואָס זענען פון דרויסן געווען, וואָס אַן אמת, איינגעפלאָכטן אין דעם אַלגעמיינעם ראָד, לויט זייער פּנימיות אָבער האָבן זיי באַלאַנגט צו די זעלטן־דערהויבענע געשטאַלטן. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם פּירשטלער־דיכטערישן ר' בונם פון פּשיסכע, דעם הלל־מילדן ר' איטשע־מאיר פון גער און, ענדלעך, דעם פייער־טראָציקן, בונטאַריש־זוכנדיקן ר' מענדל פון קאָצק.

זאָל דאָ קלאָר ווערן, אַז ס'האַנדלט זיך נישט גלאַט וועגן לומדות אָדער גאונות פון אַ וועלכן ס'איז יושב אוהל, וואָס האָט אַרויסגעוויזן מער אָדער ווייניקער בקיאות אָדער חריפות. דאָ גייט וועגן שטאַרקע גייסטער, וואָס זענען געקומען אין לעבעדיקער באַדירונג מיט די גרויסע יידישע פאָלקס־מאַסן און געגאָלטן אַלס זייערע מנהיגים. מנהיגים, וואָס האָבן צו זיך געצויגן מיט אומגעפּעלשטער פרייד, אָדער - ווי ס'איז געווען דער פאַל מיטן קאָצקער - פאַרטריבן מיט האַרבער מרה־שחורה. האָט אָבער אונדזער ליטעראַטור גענוג עקספּלואַטירט דעם דאָזיקן קינסטלעריש־דאַנקבאַרן שטאָף?

דער פּערזענלעכקייט־מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור - אויב מ'זאָל נישט רעכענען פּרצן - איז געבליבן קנאַפּ אויסגענוצט. איינע פון די ווינציקע אויסנאַמען איז די פיגור פונעם קאָצקער רבין. אפשר האָט זיין - אַזוי צו זאָגן - עקסטראַוואַגאַנטישקייט טיילווייז גורם געווען דערצו, אַז אין דער ליטעראַטור זאָלן זיך באַווייזן פּרוון צו צייכענען - און ווען אַפילו בלויז אין פּראָפיל - די דאָזיקע מערקווירדיקע פיגור פון פּוילישן חסידות.

* * *

ווי זעט דער ענין אויס ביי פּרצן?

אויף דעם געביט פון קינסטלערישן פיקסירן די פּערזענלעכקייט איז פּרץ געווען פּיאָנער. שוין אין אַ ריי פרידערדיקע נאָוועלן פּרווט ער אויסשיילן דעם יחיד מיט זיין קאָמפּליצירטן לעבנס־אינהאַלט. דעם קאָצקער פילן מיר אין פּרצס ר' שלמה פון דער "גאָלדענער קייט". פּרץ קאָפּירט נישט דעם קאָצקער, רופט אים נישט אָן ביים נאָמען, נוצט אים נאָר אויס אַלס מאָטיוו. ס'קומט ביי אים אַרויס אַ גלגול פון אַ נייעם ניגון, און דאָך בלייבט דאָס עסענציאָנעלע פון... קאָצק: דער פּראָטעסט קעגן דער וועלט ווי זי איז, דער פּראָטעסט קעגן דער וואָך און דעם וואָכעדיקן מענטש.

נישטאָ דאָ קיין שום אויסנווייניקסטע "קאָצקער" אַקסעסואַרן. בלויז אַ פּאַטריאַרכאַליש געשטאַלט, וואָס ווערט בעתן דראַמאַטישן שטייגערן דערהויבן ביז מאָנומענטאַלישקייט. שוין ר' שלמהס אויסערלעך אויסזען (אגב אינגאַנצן נישט ענלעך צום אויטענטישן אויסזען פון דעם קליינגעוואַקסיקן קאָצקער) פירט אַריין אין דער אַטמאָספער פון אַריסטאָקראַטישקייט:

"אַ זייער הויכער, גרויער, בלאַסער ייד; אויסער דער שוואַרצער, שפּיציקער יאַרמולקע אויף דעם קאָפּ, - פרעס־ווייס געקליידט; אַן אומגעוויינלעך הויכער שטערן, אומגעוויינלעך־גרויס געעפנטע אויגן; מיט אַ קינדיש־נאַיוון שמייכל איבער דעם

איינגעשרומפּענעם, פון צער פאַרגליווערטן פּנים"... שטעלונג פון אַ ווירדיקן און אַ פעסט-אַנטשלאָסענעם מענטש, נישט געקוקט דערויף, וואָס די האַנדלונג קומט פאַר אין דעמערונג, בעת ס'שאַרן זיך שוין די נאַכט-שאָטנס פון מוצאי-שבת, זענען דאָך אַלע ווינקלען דאָ פול מיט ליכט פון אַ געהיים-אויפגייענדיקער זון.

ר' שלמה קאָן זיך נישט איינלעבן אין דעם מילבן-שטייגער, וויל צווינגען כביכול אַליין דאָס לעבן מתקן צו זיין. אָבער דער בורא עקשנט זיך. הייבט זיך ר' שלמה אָן צו ברוגזן, ער האַלט איין דאָס ראָד פון לעבן, וויל נישט מאַכן קיין הבדלה, דערשטיקט דעם געשריי פון דער וואָך און לאָזט ווייטער אַלץ דרימלען אין דער זאַרגלאָזער שבת-שטילקייט:

"איך מאַך קיין הבדלה נישט!"

באַלד אָבער וואַקסט אויס די גרויסע מחיצה צווישן פירער און געפירטע. דער עולם פאַלט אויפן פּנים. פול מיט וואָכעדיקע דאגות, און דאָ האָט דער רבי קיין רחמנות נישט... ער שפּילט זיך גאָר מיטן רבונו של עולם אין ברוגזלעך... דער רבי ווערט נישט נתפעל פונעם עולמס צודרינגלעכקייט און האַלט זיך ווייטער ביי ס'זייניקע:

"אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטן אומזיסט".

דאָ רוקט זיך שוין אַרויס דער ערשטער "קאָצקער" שטריך - ר' שלמה איז נישט קיין רבי פון עולם. ער וויל נישט זיין קיין מנהיג פון "פּאָספּולסטווע". וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט דער מחנה, אַז בסך־הכל פאַרשטייט זי אים נישט אינגאַנצן? וואָס ווילן פון אים די אויסגעמאָגערטע איינגעשרומפּענע שאָטנס? וואָס קאָן ער זיי געבן און וואָס קאָן ער אין זיי אָנצינדן? מיט אַלע רמ"ח אברים זענען זיי דאָך צוגעבונדן צו דער ערד, ווייטער ווי פון דער אייגענער נאָז דערגייט דאָך נישט זייער בליק. ווי קאָן ער זיין אַ נר־תמיד פאַר געפּרווירענע נשמהלעך? ער איז אין דער פּאָטענץ אַ משיח, און זיי - זיי זעען אין אים נאָר אַ בעל־מופת, ער זאָל פאַר זיי אויסוווּנדערן עפּעס אַ גוטע פּרנסה "פאַר זיך, פאַר אייגן ווייב און קינד". זאָל "ער" נאָר וועלן! ער אָבער איז פון זיי הימלווייט. וואָס פאַר אַ באַטייט קאָנען האָבן די יללות פון די אַלע פאַרחושכטע מיט זייער איינגעהויקערטער אונטערטעניקייט, בעת דער גאַנצער ווערט פון אַזאַ לעבן דאַרף ווערן פונדאַמענטאַל אָפּגעפרעגט?

"...צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך אַ וועלט;
ד'וועלט זינקט אין מרה שחורה איין -
אַ וועלט!"

די דאָזיקע מרה־שחורהדיקע וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן דורך פרייד. דער וועג צו דער אויסלייזונג איז אַ טורעמדיקער, מ'דאַרף האָבן כוח צו קלעטרן, דערשטיקן אין זיך די צעשפּאַרטע געפילן, ממיתן דעם רצון און גרייט זיין אויף קרבנות, ווען ס'זאָל אפילו אויסקומען אָפּצומעקן דאָס גאַנצע מילבן-וועלטל, אָפּזאָגן זיך פון האַנדל-וואַנדל און זיין אָנגעוויזן אויף אַ שטענדיקן שבת. דער אויסגעצווונגענער לאַנגדויערנדיקער שבת דאַרף זיין אַ פראָמעטעישע התראה פאַר דעם בורא, אַז ווייטער אַזוי פאַרבלייבן קאָן עס נישט, אַז מ'קאָן שוין ווייטער נישט קריכן ווי ווערעם און וואַרטן אויף אַ נס. אַזאַ וועלט פון ווערעמדיקייט איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן, זי האָט קיין זכות־הקיום נישט.

"הרוב זאָל ווערן די וועלט!"

נישט יעדער איז מסוגל צו שפּאַנען איבער חורבות און נישט יעדער איז בכּוח אויסצוגליען אין זיך אַ שטאָלענעם באַגער. מ'דאַרף באַוויזן צו דערדריקן אין זיך די ליבע צום נאָענטן, צו בני־הבית און קרובים און אָנצינדן אין זיך די ליבע צום געאָנטן. נאָר די "שבת־יומטובדיקע, נשמה־יתרהדיקע יידן" וועל קאָנען גיין אויף די חורבות...

פּרצס ר' שלמה זוכט דעם גאַנצן מענטש. קיין מיטל־וועגן זענען נישט דערלאָזבאַר. אויב דער מענטש גאַרט באמת נאָך דערלייזונג, מוז ער זיך דערהויבן צו דער פולקייט. געגנוג שוין מיט דעם צעשאָטענעם וועלטל פון די מענטשן "פון יוצא וועגן". טוט שוין אַזאַ איינער עפּעס, קומט דערפון אַרויס אַ מצוההלע אָדער אַן עבירהלע. ס'מוז אָבער קומען אַ דור פון גאַנצע מענטשן, וואָס וועלן זיין ראוי די וועלט צו דערלייזן, וואָרום ווייטער וואַרטן איז אוממעגלעך.

"עס הענגט אינדערהויך דאָרט אַ וואָג,
פאַרן כסא־הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך, די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּלט, צאַפּלט...
אַ מצווהלע טוט אַ ייד
און - אַן עבירהלע...
שטעלן קאָן זי זיך נישט...
נישט כּולו חייב,
נישט כּולו זכאי...
צאַפּלט זי..."

כּולו זכאי אָדער כּולו חייב, אַלץ אָדער גאָרנישט.

און וואָלט ווירקלעך געלונגען צונויפצוקלייבן די אויסדערוויילטע יחידים פון "כּולו זכאי" וואָלטן זיי, די דאָזיקע גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, געטריבן פון אינעווייניקסטן פייער, געשפּאַנט איבער חורבות, באַשטראַלטע יחידים פול מיט יום־טוב־גלאַנץ, מיט שטאָלץ און ווירדע, מיט טאַנץ און געזאַנג, ציען זיי צום "הויכן באַרג". נישט קניען און נישט בעטן, נאָר פאָדערן און פאַרלאַנגען.

דעם קליין־וווקסיקן און אָנגעברוגזטן קאָצקער מיט זיינע עקסטראַוואַגאַנטישע געגנג האָט פּרץ - און זיין ר' שלמה - דערפירט צו פּאַטריאַרכאַלער פּראַכט און אַרומגעוועבט מיט שימער. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אים די "גיפטן" און אים פאַרוואַנדלט אין אַ ליכטיק געשטאַלט. אַרויסבאַקומען פון אים דעם מאַקסימום מענטשן־פריינטלעכקייט, פאַרטריבן די שאָטנס און באַוויזן זיין אינערלעכע מעגלעכקייט פון צונויפלעבן, צונויפפרייען און צונויפטאַנצן מיט מענטשן.

"זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!"

צום סוף אָבער קומט דער קראַך. מיט בלויזער שבתדיקייט איז אוממעגלעך צוציען דעם ברייטן עולם; ר' שלמהלע האָט געוואָלט דעם עולם צום הימל דערהויבן, אָבער די ערד איז, אַפּנים, שטאַרקער... די שבת־מחיצה ווערט איבערגעריסן און ס'רייסט זיך אַריין דער גרויער קוויטש פון דער וואָך; מ'האָט שוין אויסגעפונען אַן אַנדערן הבדלה־מאַכער. דער עולם האָט מורד במלכות געווען. אַ צעבראָכענער טרעט ר' שלמה אָפּ זיין פּאָטער־שטול און בלייבט פאַראיינזאַמט... אָט טאַקע ווי דער אויטענטישער קאָצקער, וואָס האָט זיך אויך, אַ פאַריאושטער, צוריקגעצויגן...

(סוף אויף ז' 16)

דוד ראָזנטאַל

# לעאָ (יהודה לייב) פינקלשטיין –<br>פראַגמענטן פון זיין לעבן און שאַפן

ביים דערמאָנען לעאָ פינקלשטיין, טויכט אויף אין מיין זכרון די שיטה פון פראָפ. סדן, וואָס ער האָט אַנטוויקלט ביי דער דערעפענונג פון דער יידיש־קאַטעדרע אין ירושלימער אוניווערסיטעט. זיינע באַלערנדיקע ווערטער קאָנען ווערן אָנגעוואָנדן, אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם דענקער און עסקן לעאָ פינקלשטיין, ווען מען באַמיט זיך צו שילדערן זיין אייגנאַרטיקע און וואָרצלדיקע צוגעבונדנקייט צום אמת פונעם יידיש־פוילישן לעבן.

דב סדן האָט, דאַן, אָנגעוויזן אויף דער אויסטערלישער טענדענץ אין דער יידישער געזעלשאַפט, איבערצוהיפּערן גאַנצע עטאַפּן פון אונדזער געשיכטע - אַ טענדענץ, וואָס איין מאָל פאַרלאַנגט זי אַריבערבלעטערן גמרא, אַן אַנדערש מאָל אַרויסוואַרפן קבלה, און ווידער אַמאָל אָפּמעקן חסידות... אָבער דאָס געמיינזאַמע פאַר אַלע איבערהיפּערס איז דער פּרווו צו פאַרלייקענען אונדזער געשיכטע, אָדער זיך איינאָרדענען אַ באַקוועמע געשיכטע" (ציטירט פון דער "העברעישע ביכער־שאַנק" פון יהושע א. גלבוע, זייט 94).

צו די שאַרפסטע און עקשנותדיקע באַקעמפער פון דעם צוגאַנג; צו די קעגנער פון "איבערהיפּערן" גאַנצע תּקופות און פון מבטל מאַכן זיך אַליין, געהערט לעאָ פינקלשטיין. מיט זיין גראַנאַגל קעגן די פאַרקרימער פונעם יידישן פאָלקס־געשטאַלט, מיט זיין קאַמף קעגן די פאַרשוועכער, קעגן די פאַרלייקענער פון דער גרויסקייט און דערהויבנקייט אין לעבן פון די אָרעמע, פאַרהונגערטע יידישע מאַסן, איז ער אַן אָפּהיטער און אַ מאָנער פאַרן אמת אין זייער לעבנס־וועג, פאַר דער וואָרהאַפטיקייט פון זייערע האָפענונגען.

ס'איז אַ פאַקט, אַז סיי די אָנהענגער פון זיין צוגאַנג און סיי די קעגנער זענען מסכים מיט דער אָפּשאַצונג בנוגע פינקלשטיינס אויפריכטיקייט און טיפע אינערלעכע איבערצייגונג - די טרייב־כּחות צו זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און צו זיינע געזעלשאַפטלעכע מעשים.

## ביאָגראַפישע פאַקטן

פינקלשטיין, לעאָ איז געבוירן געוואָרן אין אַפּריל, 1895, אין ראַדאָם, אין דער שטאָט, וואָס איז געווען הויך געשאַצט אין יידישע קרייזן, מחמת איר פאַרצווייגט קולטור־לעבן איןביידע לשונות, ווי אויך מחמת אַ רייע ביז גאָר אַנטוויקלטע יידישעווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין דער לעדער־פּראָדוקציע. אין 1917 איז לעאָ פינקלשטיין אַריינגעטראָטן אין דעם קראָקאָווער אוניווערסיטעט. דאָ האָט ער אין משך פון דריי יאָר פאַרטיפט זיין וויסן אין פילאָזאָפיע און פּאָלאָניסטיק. אין 1923, האָט ער זיך באַזעצט אין וואַרשע.

וואָס שייך פינקלשטיינס באַוועגונג־אָנגעהעריקייט, איז ער, אַ געוויסט צייט, געווען טעטיק אין דער דעמאָקראַטיש־פאָלקיסטישער גרופּע פון ד"ר שאַבאַד, און זינט 1935 אין בונד. געווען אַ פּרנס פון דער וואַרשעווער קהילה, און אַקטיוו אין דער קולטור־ליגע. מיטגעאַרבעט אין "די ליטעראַרישע בלעטער"; אין דער

אַלגעמיין־ציוניסטישער טאָג־צייטונג אין פּויליש, "נאָש פּשעגלאָנד", געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון דער בונדישער אויסגאַבע פאַר קולטור און קונסט "פּאָראויס".

אין 1932 האָט זיך פינקלשטיין באַטייליקט אינעם ספּינאָזאַ קאָנגרעס אין האַג, ווי אַ דעלעגאַט פונעם יידישן ליטעראַטן־פאַראיין פון וואַרשע. ער איז, ביים קאָנגרעס, אויפגעטראָטן מיט אַ רעדע אין יידיש.

די יאָרן פון דער צווייטע וועלט־מלחמה האָט פינקלשטיין דורכגעמאַכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אין 1946 האָט ער זיך אומגעקערט קיין פּוילן, און פון דאַנען עמיגרירט, אַרום סוף 40־קער יאָרן, קיין קאַנאַדע, און זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ.

## געראַנגל מיט די פאַרקרימער פון דער יידישער ווירקלעכקייט

קורץ נאָכן אָנקומען אין זיין נייער היים האָבן זיין אויפמערקזאַמקייט געצויגן די אַרטיקלען, אין דער יידישער פּרעסיע, פון י. וואַרשאַווסקי. די מאמרים זענען תמיד רעקאָמענדירט געוואָרן מיט פּיקאַנטע אונטערקעפּלעך, און באַווירקט דעם לייענער מיט זייער אָנשלאָגעריש־רוישיקן טאָן.

י. וואַרשאַווסקי איז געווען דער פּסעודאָנים פון דעם שפּעטער געקרוינטן יידישן שרייבער - י. באַשעוויס. פינקלשטיין האָט, אין אָנהייב, געהאָפט, אַז ער האָט פאַר זיך אַן אומדערשראָקענעם שטראָפער, וואָס ברענגט זיך אַוועק פאַרן אמת און ריינקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. באַלד האָט ער, אָבער, זיך איבערצייגט, אַז דאָ האָט ער גאָר צו טאָן מיט איינעם פון די, וואָס גיבן אַן אויסגעקרימטן שפּיגל פון יידישן לעבן, און געסטעמפּלט זיינע, "עדות" דערמאָנונגען ווי פעלשונגען.

דאָס איז נישט געווען קיין צופעליקער, אָדער אַן איבעראַשנדיקער שאַפונגס־עטאַפּ. פינקלשטיין גייט צוריק צו די צייטן אין וואַרשע ווען וואַרשאַווסקי־באַשעוויס האָט מיט געאַרבעט אין דעם נאָכמיטאָג־בלאַט "ראַדיאָ", אַרויסגעגעבן פון "מאָמענט". אין "ראַדיאָ" איז ער געווען דער הויפּט־צושטעלער פון די שונד־ראָמאַנען און פון פּיקאַנטע, פּערווערסע סקיצן.

"סאיז דערגאַנגען דערצו", דערציילט פינקלשטיין, "אַז די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט זיך געווענדט צו דער פאַרוואַלטונג פון יידישן פּען־קלוב, אַז מ'זאָל צונויפרופן אַן אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מ'זאָל באַטראַכטן מיטלען ווי אַזוי צו פאַרטרייבן פון דער יידישער גאַס די שונד־מגפה. איך געדענק אויסגעצייכנט די פאַרזאַמלונג".

און ווייטער: "קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע. זי האָט געקלאָגט, אַז מיר גייען אונטער. מיר ווערן אויפגעפרעסן פון שונד. זי האָט געפאָדערט, אַז דער פּען־קלוב, ווי די באַרופענע אינסטאַנץ, זאָל דורכאויס רעאַגירן. איך זע פאַר זיך דאָס בילד פון דער פאַרזאַמלונג. דער עולם זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַן אַנדער שרייבער נעמט פּלוצים אַ וואָרט און צעוויינט זיך. (ער זאָגט) "אוודאי שטעקן מיר איבערן האַלדז אין שונד, אָבער וואָס זאָלן מיר טאָן, אַז דער לייענער פאַרלאַנגט עס, און מיר מוזן האָבן פון וואָס צו לעבן..."

באַשעוויס איז געזעסן אין דער זייט... ער האָט גאָרנישט געזאָגט. שפּעטער איז ער אַריין אין נעבנדיקן גרויסן זאַל... איך האָב געהערט ווי ער רעדט צו עמעצן הויך: "זיי

וועלן מיר זאָגן וואָס צו שרייבן..." און ווייטער געאַרבעט אין "ראַדיאָ" (ציטירט פון "טינט און פעדער", סעפּטעמבער 1950, זייט 44, טאָראָנטאָ).

## די "גרונטשטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע

אין פינקלשטיינס "גרונט־שטריכן פון דער יידישער פילאָזאָפיע – פון פילאָ יודעוס ביז משה מענדעלסאָן" איז די טעמאַטיק, ווי דאָס קעפּל ווייזט שוין אָן, אַ דיאַמעטראַל אַנדערע, ווי אין זיינע פריער דערמאָנטע שאַפונגען. אין דעם בוך, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג "ליטעראַרישע בלעטער" אין וואַרשע, אין 1937, האָט פינקלשטיין גענוצט דאָס וויסן, וואָס ער האָט זיך צוגעאייגנט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, כּדי אויפצוקלערן דאָס אָרט און שייכות פון די ידיעות אין דער יידישער לערע.

דאָס בוך, פון 155 זייטן, איז איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע 8 (אכט) קאַפּיטלען: דער בין־השמשות פון מיטאָס; דער קלאַסישער אַלעגאָריזם; דער וועג צו זיך; רייפע מעטאַפיזיק; אויספּירונגען; ספּינאָזאַ קאָנטראַ רמב"ם; פילאָזאָף אָדער ביאָזאָף (וועגן ד"ר חיים זשיטלאָווסקי); דער ספּינאָזאַ קאָנגרעס.

אַ באַזונדער בלעטל אין בוך אַנאָנסירט, אין פּויליש, אַז פון "זעלבן אויטאָר (איז דערשינען) Hegel, Marks, Spinoza-Próba syntezy

אַזוי זעען מיר, ווי פינקלשטיין זאָרגט פאַר דער יידישער וועלט מיט באַרייכערן אירע קאָנצעפּציעס, אירע עטישע אין געזעלשאַפטלעכע פּרינציפּן. פון אָט דער אויסגעקריסטאַליזירטער פאָרשונג, וועל איך, מחמת די ענגע ראַמען פון מאמר, ציטירן אויסצוגן וועגן דער רמב"ם לערע, און וועגן אַריסטאָטעליזם. פינקלשטיין שרייבט:

דער רמב"ם האַלט, אַז גלויבן דאַרף נישט באַשטיין אין פּראָדוצירן אומצייליקע ווערטער, אַרויסגעבראַכטע דורך מענטשלעכע ליפּן, בכדי צו לויבן און פּרייזן דעם באַשעפער. גלויבן דאַרף זיך באַזירן אויף איבערצייגונג, אַז דאָס וואָס מען שטעלט זיך פאָר במחשבה, עקזיסטירט אויך מחוץ דעם דענקען, ד.ה. אין דער ווירקלעכקייט, און אַנטשפּרעכט אינגאַנצן דער געדאַנקלעכער פאָרשטעלונג דערוועגן.

אויב וועגן גאָט קאָן מען נאָר טראַכטן און וואָס ווינציקער אים שילדערן מיט ווערטער, ווערט אויך פאַרשטענדלעך, אַז מען קאָן אים לגמרי נישט צושרייבן קיין שום אַטריבוטן.

## און וועגן אַריסטאָטעליזם:

עס איז קלאָר, אַז די יידישע גייסטיקייט איז אין אַ גרויסער מאָס באַהערשט געוואָרן דורך אַ זייטיקן שטראָם – אַריסטאָטעליזם. ער האָט זיך ממש איינגעגעסן אין די יידישע ביינער. בכלל איז אַריסטאָטעלעס אויטאָריטעט אין דער יידישער וועלט געווען אין לשער.

מען האָט אים געהאַלטן פאַר דעם איינציק־באַרופענעם אויסלייגער פון די נאַטור־סודות – בפרט, אַז ער איז געווען מער פיזיקער און נאַטוראַליסט, איידער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם. עס האָט זיך אַרום אים געשאַפן אַ שפּאָר ביסל יידישע לעגענדעס, וועלכע דערציילן, אַז ער איז געווען אַ גר אָדער גאָר אַ ייד פון שבט בנימין. איין לעגענדע פאַרבינדט אים מיט ר' גמליאלן; אַן אַנדערע דערציילט, אַז אין דער צייט, ווען אלכסנדר מוקדון האָט דעראָבערט ירושלים, איז מיט אים אַריסטאָטעלעס מיטגעווען; דאָרט איז ער געוואָרן אַ תלמיד פון שמעון הצדיק, וועלכער האָט אים

באַקענט מיט די געהיים שריפטן, וואָס זענען פֿאַרבליבן פֿון שלמה המלך.

פֿון דעם מענטשנס באַציונג צו גאָט האָט אַריסטאָטעלעס באַזייטיקט אַלע ערדישע מאָטיוון, ווי: אָפּהענגיקייטס־געפֿיל, שרעק, נויט אין מורא, און אויף זייער אָרט אַריינגעפֿירט דאָס געפֿיל פֿאַר שיינקייט און האַרמאָניע, האַלטנדיק, אַז נאָר באַוווּנדערונג פֿירט צום גלויבן.

## פֿילאָזאָף אָדער ביאָזאָף (וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי)

צו די אַמעריקאַנער יידישע דענקער, וואָס האָבן געוועקט פֿאַראינטערעסירטקייט אין די גייסטיק־זוכנדיקע קרייזן פֿון פּוילישע יידן פֿון ערב חורבן, געהערט בלי ספק - ד״ר חיים זשיטלאָווסקי. איך געדענק, ווי מען פֿלעגט דערציילן וועגן אַ פּאָלעמיק צווישן חיים זשיטלאָווסקי אין יצחק גרינבוים, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין גרויסן זאַל פֿון שטאָט־ראַט אין וואַרשע.

איז דערפֿאַר פֿאַסיק אויפֿצולעבן דאָס בילד פֿון זשיטלאָסקין, ווי ס'האָט אים געגעבן לעאָ פֿינקלשטיין אין 1925. די אָפּהאַנדלונג איז אַריין, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, אין ״די גרונט־שטריכן פֿון דער יידישער פֿילאָזאָפֿיע״ א.ק. ״פֿילאָזאָף אָדער ביאָזאָף״.

דעם פֿילאָזאָף, שרייבט פֿינקלשטיין, זיינען מיר געוווינט זיך פֿאָרצושטעלן אַלס יושב אוהל, אַלס מענטש וואָס רייסט זיך אָפּ פֿון די וואָכעדיקע לעבנס־גרילצן און פֿאַרקלייבט זיך ערגעץ אין אַן אָפּגעזונדערטן געצעלט, בכדי אין זיינע ד' אמות של הלכה געדאַנקלעך אויסצושמידן אַן איינהייטלעך האַרמאָניש־געשלאָסן וועלט־בילד.

אָבער, לויט לעאָ פֿינקלשטיין, שטעלט נישט פֿאָר דאָס דאָזיקע פּאָפּולערע בילד די זשיטלאָווסקי רעאַליטעט.

זשיטלאָווסקי וווינט אין דער גרעסטער וועלט־שטאָט, אין קאָכעדיקן ניו־יאָרק, און איז מיט אַלע פֿעדעם איינגעוועבט אין האַסטיקן טעמפּ פֿון רוישיקן לעבן... נישט דאָס לעבן האָט אים פֿאַרטריבן אין איינזאַמען געצעלט, נאָר פֿאַרקערט - ער האָט דאָס ״געצעלט״, מיט גרויס עקשנות, אַריינגעפֿירט אין מיטלפּונקט פֿון אַלע לעבנס באַשטרעבונגען... זיין שאַפֿונגס־גייסט האָט זיך צעבליט צווישן די ריזיקע ניו־יאָרקער אוידיטאָריעס.

פֿינקלשטיין איז מסביר דעם באַטייט פֿון דעם פֿאַקט דורך אַקטואַליזירן אַן אַלטן יידישן צואַנג. ער שרייבט: דאָס פֿאָלק, אַרויסברענגענדיק דעם אונטערשייד צווישן ווילנער גאון און דובנער מגיד, האָט שטענדיק געטענהט, אַז ס'איז נישט קיין איבעריק ״גרויסע קונץ״ צו פֿאַרבלייבן אומבאַרירט אין דער גאונישער גרויסקייט, ווען מען זיצט רק אָפּגעזונדערט אין חדר מיוחד, אַרומגערינגלט מיט ספֿרים און מען איז מעמיק בתורה, נישט אָנזעענדיק קיין לעבעדיקן מענטש פֿאַר די אויגן.

עס איז אָבער אַ פֿיל ״גרעסערע קונץ״ צו פֿאַרקערן תמיד צווישן פּראָסטן פֿאָלק, אין זאַפֿטיק־פֿאַרכאַפּנדע בילדער אים אויפֿקלערן דעם גייסט פֿון דער תורה און דערביי נישט פֿאַרלירן דעם אָנזען אַלס חכם... זשיטלאָווסקי האָט געשטרעבט פֿונאַנדערצופֿירן זיינע געדאַנקען איבער די אַרטעריעס פֿון פֿאָלקס־אָרגאַניזם, בכדי שנעער און טיפֿער צו מאַכן זיין גייסטיק לעבן.

זשיטלאָווסקי, קלערט אויף פֿינקלשטיין, איז פֿון ״דער היים אויס״ אַן אַקטיווע פֿיגור פֿול מיט רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. ער האָט קודם כל געהאַט אינטערעס פֿאַר סאָציאַלע פּראָבלעמען. באַקענענדיק זיך, אָבער, נעענטער מיט דער מאַרקסיסטיש־טעאָרעטישער

משה שקליאַר

# פון וואַלד אַרויס

פון וואַלד אַרויס און דיך באַגעגנט
אַ העל צעשיינטע גאָלדנע זון,
און אָפן זענען אַלע וועגן,
כאָטש נעם און פלי מיט אַ טאַבון

און קיינער וועט דיך נישט פאַרהאַלטן,
ס'וועט קיינער צוימען דיינע פערד,
ווילסטו, קאָנסט די פעלדזן שפּאַלטן,
אַרומנעמען די גאַנצע ערד
מיט אַן אָדלער־בליק אַ שאַרפן,
ווי אַ מעסער שפּיציק, בלאַנק,
גאָרנישט ווערסטו מער באַדאַרפן,
געגוג דיר זיין בלויז פריי און פראַנק.

נאָר וואַרפסטו אויף צוריק די בליקן
איז ווידער פינצטערניש און צוים.
קאָנסט נישט פאַרמיידן די צוריקן,
כאָטש נעם און הענג זיך אויף אַ בוים...

←

---

באַגרינדינג פון סאָציאַליזם, האָט ער איינגעזען איר געדאַנקלעכן טעות, וואָס איז עלול צו פאַרפירן... ער איז אַן איידל־פאַרביסענער קעגנער פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אויפפאַסינג.

גראָד אַזוי ווי זשיטלאָווסקי באַמיט זיך פינאַנדערצורייסן דעם בונד פון סאָציאַליזם און עקאָנאָמישן מאַטעריאַליזם, אַזוי באַמיט ער זיך צו באַווייזן די מעגלעכקייט פון צונויפשמעלצן דעם סאָציאַליזם מיט רעליגיע אָן אַ וועלכן עס איז שאָדן פאַרביידע... ער איז מער לעבנס־חכם - ביאָזאָף, איידער אַבסטראַקטער קאַבינעט־פאָרשער. זיין פילאָזאָפיע איז נישט גלאַט לשם פילאָזאָפיע, נאָר לשם זוכן אַ לינדערונג פאַר די גייסטיקע און מאַטעריעלע לעבנס־נויטן. דאָס איז אייגנטלעך דאָס שענסטע, פירט אויס פינקלשטיין, וואָס דאַרף אין דעם מענטשן געלויבט ווערן.

* * *

לעאָ פינקלשטיין האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם דעם 29־טן יולי, 1950. כאָטש זיין לעבנס־גאַנג איז געווען אַזאַ קורצער, פאַרמאָגן זיינע שאַפונגען אַ דויערהאַפטיקייט אויף וועלכער ס'האָט נישט קיין ווירקונג דער צייט־אָפּפלוס. זיין אין ווייען און אין עקשנות געבוירענער געדאַנק לעבט ווייטער.

# דאָס זעלבע ליד

ערגעצווו דו הערסט דאָס זעלבע ליד
וואָס די כוואַליעס טראָגן הין און קריק.
דאָ שיינט די זון, און דאָרטן שניי נאָך
שיט,
נאָר שטח איז קיין שטער פאַר דער
מוזיק.

אין האַרצן, און געברענט, געבריט
ביז ס'איז שטיל געוואָרן גלייך עס
שטאַרבט
און ווידער אויפגעלעבט מיט
פלאַטערפליי
און פאַרטראָגן אונדז אויף פליגל העט?

-----------------

וואָס דערמאָנט עס דיך דאָס אַלטע ליד,
וואָס האָט מיט יעטוועדן וויבריר זיך
איינגעקאַרבט

זע, דאָס ליד האָט זיך אויף ס'ניי צעבליט
און עס דערמאָנט - ס'איז נאָך נישט
שפּעט...

# אַמאָליקע לאָקן

זיי הערן נישט אויף אַלץ צו
לאָקן
די אַמאָליקע לאָקן.
דינער געוואָרן אין משך פון
יאָרן,
נאָר ווי פאַרפראָרן
זיי הענגען אַריבער די אויגן די
בלאָע -
אַ העלער וואַל,
זיי הענגען אַריבער אַלע
נישטאָען -
פון ליבשאַפט אַ קוואַל.

זיי הערן נישט אויף אַלץ צו
לאָקן
מילד אַזוי, ווייך.
ערגעץ זיי קלינגען -
בלימעלעך-גלאָקן
אויף יענער זייט טייך.
זיי מישן זיך דאָרטן אויס מיט
די גראָזן,
גאָלד-גרין צעגליט,
נאָר אָט האָט אַ רויכיקער ווינט
זיי צעבלאָזן -
מיין חלום זיי היט.

* * *

מיט אַ מאָל פאַרשטומט געוואָרן איז די פידל,
נאָר דער קלאַנג איז לאַנג געבליבן הענגען
אין דער לופט און געפלאַטערט ווי אַ ווייסע טויב
מיט האַלבע פליגל. דער פידלער
האָט געפּרוווט די סטרונעס סטראָיען
און זיי האָבן געגרילצט ווי גלאָז
אונטער אַ טעמפן מעסער. עמיצנס
אַ קרעכץ האָט מיט דעם גרילץ
געטאָן זיך איבעררופן, און דעמאָלט
האָט אַ שטום געוויין
באַגלייט אין אייביקייט דעם קלאַנג
וואָס איז בשתיקה אויסגעגאַנגען.

# בלייב איבער

אַ גאַנצע נאַכט געווען ביסט אין מיין חלום,
פון וואָס מיר האָבן אַלץ דאָ נישט גערעדט?
דערמאָנט די גאַס, דיין פענצטער אויפן גאָרן,
די בלומען אויפן אייזערנעם באַלקאָן,
דעם בוים וואָס האָט אין ווינט געפלאַטערט
און איינגעוויגט דיך אין די נעכט,
דעם טייך ווו מירן זיך געבאָדן
אין קילע סוף זומער פאַרנאַכטן,
און יענעם ערשטן פייכטן ליפ־באַריר...
די גאַנצע וועלט איז אונדז געווען דעמאָלט
מקנא, און מיר געלאַכט האָבן פון וועלט
מיט פאַרשייטן, האַרציקן געלעכטער.

אַ גאַנצע נאַכט געווען ביסט אין מיין חלום
און מיר האָבן גערעדט, גערעדט,
און נישט באַמערקט ווי באַלד הייבט אָן צו טאָגן
און מיר געבליבן זענען אַלץ ביי רייד...
אַזוי פיל רייד, אַזוי פיל נישט דערדערעדטע,
און ווערטער, דאַכט זיך, זינקען אין אַ טאָל,
און מיר פאַרגייען דאָרט מיט זיי צוזאַמען.
פון טיפעניש איך שטרעק צו דיר מיין האַנט
און חזר איבער ווי אַ מאָל אין ליד -
בלייב איבער כאָטש אַ רגע אויף דער וואָר!

---

סוף פון ז׳ 9

דאָס וועזנטלעכע פון דעם קאָנקערס געשטאַלט האָט ביי פרצן געפונען אַ טיף־קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג, די שפּעטערדיקע האָבן שוין דעריבער געהאַט פאַר זיך אַ פיין־סקיצירטע פיגור, כאָטש פרצס ר׳ שלמה וואַקסט נישט אַזוי אָרגאַניש אַרויס פון דער סביבה, ער איז נישט רעאַליסטיש באַדינגט, נאָר איז געגעבן מער אָפּגעריסן, סימבאָליש. ס׳שלענגלען זיך געטאָקטע, קורצאָטעמדיקע פּערזן, שוועבנדיקע נאַקעטע ווערטער וועגן אַ גרויסן ר׳ שלמה פון ערגעצוו, וואָס זינגט וועגן אַ וועלט אין ערגעצוו.

---

* פונעם בוך "מגילות פוילן". אַרויסגעגעבן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פולישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס־איירעס 1947.

משה וואָלף

# דער ניט יידישער ייד, "דער קלוגער רבי" איסאַק (יצחק) באַבעל

"און לאַנג נאָך ביים פאָלק באַליבט כ'וועל זיין
וואָס אין מיין יאָרהונדערט. דעם אכזריותדיקן
גערימט האָב איך די פרייהייט
און מיטלייד צום געפאַלענעם געפאָדערט"
(אַ. ס. פושקין. איבערזעצונג מ.וו.)

א.

די פּראָבלעם "נישט יידישע יידן" - יידישע וועלט-באַוווסטע שרייבערס, געניאַלע דיכטערס, באַרימטע דענקערס און וויסנשאַפטלערס, וועלכע האָבן געשאַפן (און שאַפן אויך איצט) נישט אין זייער אייגענעם מאַמע-לשון - איז אַן אַלטע געשיכטע. אין אַלע צייטן זענען געווען יידן, אָפט גאונים, וועלכע פלעגן צוליב פאַרשידענע סיבות זיך אָפּזאָגן פון זייער קולטור-ירושה, "אַנטלויפן" פון זייערע גייסטיקע קוואַלן, פון זייער פאָלקס-שפּראַך און פלעגן מקריב זיין זיך אַליין און זייערע קינסטלערישע טאַלאַנטן אויפן מזבח פון פרעמדע קולטורן און לשונות. ביז גאָר בולט האָט זיך דער דאָזיקער פענאָמען אַנטפּלעקט אין די לעצטע צענדיליקער יאָרן, און באַזונדערס, אין די לענדער פון דער סאָוועטישער "אימפּעריע", אין וועלכע, צוליב דעם לאַנג-דורותדיקן אַנטיסעמיטיזם און דער אַנטי-יידישער מאַרקס-לענין-סטאַלינ<br>יסטישער "לערע" האָט אַ היפשע צאָל יידישע קינסטלערס *(דיכטערס - י. אוטקין, מ. סוועטלאָוו, פּ. אַנטאָקאָלסקי, איסאַקאָווסקי, ב. סלוצקי, מ. אַליגער, אַ"אַ.; קאָמפּאָזיטאָרן - צפּאַסמאַן, פעלדצמאַן, פּראַדקין, דונאַיעווסקי, קאַלמאַנאָווסקי אַ"אַ.; די פידלער - טאַטע און זון-אויסטראַך, פאָליאַקאָוו און צענדליקער אַנדערע; שרייבערס - ס. מאַרשאַק, אי. ערענבורג, וו. גראָסמאַן, ע. קאַזאַקעוויטש, יע. גינזבורג, לעוו קאַסיל, ל. אָזעראָוו, ג. קאַניעוויטש, די ברידער ווײַנער און הונדערטער אַנדערע)* - פאַרגעסן (אָדער געמאַכט נאָר אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבן פאַרגעסן) זייערע היסטאָרישע וואָרצלען - זיך אָפּגעטרייסלט פון דער יידישע שפּראַך און קולטור - און האָבן אָנגעהויבן שאַפן אין דער רוסישער שפּראַך. דאָס רוב פון זיי האָבן זיך נאַיוו איינגערעדט, אַז דאָס וועט זיין אַ סגולה, כדי די לייענער, די קריטיקער, דער המון און אויך די מאַכט-אָרגאַנען זאָלן פאַרגעסן זייער יידישן אָפּשטאַם און פאַררעכענען זיי צו די שעפער פון דער גרויס-רוסישער (אוקראַאינישער, ווייסרוסישער, ליטווישער וכדומה) קולטור.

איינער פון דעם דאָזיקן מין "אַנטלויפערס" איז געווען דער לעגענדאַרער רעוואָלוציע-קאָרעספּאָנדענט, דער רעאַליסטישער מאָלער פון די נאָכאָקטאָבער - רעוואָלוציע-געשעענישן, דער טאַלאַנטפולער ניט-יידישער ייד און רוסישער שרייבער, איסאַק (יצחק) באַבעל. אַנטדעקט אים האָט דער גרויסער רוסישער שרייבער מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט ביז צום סוף פון זיין לעבן נאָכגעשפּירט נאָך זיין שעפערישן וועג.

וועגן באַבעלן און זיינע נאָוועלן האָבן דערנאָך מיט גרויס פאַרייערונג זיך אָפּגערופן ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, מאַלראָ, הענריך מאַן א.אַ.אַ. פאַר די סאָוועטישע און אויסלענדישע לייענער איז ער געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע שרייבער פון זיין צייט. באַבעל איז ניט געווען ענלעך אויף קיינעם. ער האָט שטענדיק געשריבן נאָר זיינע איבערלעבונגען און נאָר אין זיין אייגענעם סטיל. ער האָט קיינעם פון זיינע

פּערסאָנאַזשן ניט אויסגעטראַכט: בעניע קריק - אַ יידישער גאַנגסטער - אַ באַנדיט און אַ טרוימער; ליובקע קאָזאַק - די קיניגן פון אַלע קאָנטראַבאַנדיסטן; צעשטרייטע, קורציזיכטיקע טשודאַקעס און וווילינגערישע, שאַרפזיניקע זשוליקעס און גליק־יעגערס זענען ניט געבוירן געוואָרן אין שרייבערס חדר־המיוחד: זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם קינפּטקן שרייבער פון זיין קינדהייט אָן.

פון אַלע אַנדערע שרייבערס האָט באַבעל זיך אויסגעטיילט נישט נאָר מיט זיין שרייבערישן נוסח, נאָר קודם־כל מיט זיין באַזונדערן וועלט־באַנעם. אין די זכרונות פון זיינע פריינד, ווערט דערמאָנט, אַז ניט געקוקט אויף זיין ניט יידישן מראה פּנים און אויף זיין גלענצנדיקער רוסישער שפּראַך, פלעגט זיין יידישער גייסט "קריכן פון אַלע זיינע ביינער", ער פלעגט זיינע פאַרשיידענע אַרויזאָגן באַגלייטן מיט ביבלישע אַפאָריזמען. "אין זיין פּנים פלעגט איבעררּאַשן דער צוזאַמענבונד פון קינדערשקייט און אוראַלטער חכמה" (טאַטיאַנאַ טעס), "זיין פולבלוטיקע שוואַרץ־ימישע לוסטיקייט און דער ביבלישער אומעט" (פּ. איסקאַנדער). איליאַ ערענבורג, מיט וועלכן באַבעל איז געווען שטאַרק באַפריינדט, פלעגט אים אָנרופן "דער קלוגער רבי".

אַלע זיינע שאַפונגען זענען געווען עכטע אָפּשפּיגלונגען פון זיין אַרומיקער וועלט. ער איז געווען אַ רעאַליסט אין דעם פינקטלעכסטן זין פון דעם וואָרט. און צוזאַמען מיט דעם אַ ביז גאָר פילבאַרער ראָמאַנטיקער, אַ פאַרליבטער אין דער שיינהייט פון דער נאַטור. אָנגעזעענע וואָרט־קינסטלער פלעגן אָנרופן זיינע דערציילונגען "לידער אין פּראָזע". פון אַלע ליטעראַרישע זשאַנרען האָט איסאַק באַבעל געליבט די נאָוועלע. ווי מיט אַ פּראָזשעקטער פלעגט ער קורץ און פּאַטעטיש באַלייכטן איין שעה, נישט זעלטן איין מינוט פון אַ מענטשנס לעבן. ער פלעגט אויסקלייבן די צושטאַנדן און סיטואַציעס, ווען דער מענטש און דאָס "מענטשלעכע" אין אים, אַנטבלויזן זיך צוזמיינסטן. עס קאָן זיין, אַז צוליב דעם חזרט זיך עקשנותדיק איבער אין זיינע ביכער די טעמע פון ליידנשאַפטלעכער ליבע און טויט.

ער האָט געשריבן לאַנגזאַם, איז געווען זייער שטרענג צו זיך און האָט איבערגעלאָזט בסך־הכל נאָר דריי דינינקע ביכער דערציילונגען און צוויי פּיעסן.

אין זיינע ביכער שילדערט ער צוויי וועלטן, וועלכע האָבן אים איבערגעראַשט, - די פאַררעוואָליוציאָנישע שטאָט אָדעס מיט אירע פילפאַרביקע יידישע איינוווינער און דעם מאַרש פון דער ערשטער רייטער־אַרמיי, אין די קאַמפן פון וועלכער, ער און פיל יידישע יונגע לייט האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל.

באַבעל איז געווען דער זינגער פון דער רעוואָלוציאָנערער רייטער אַרמיי. פאַר אים זענען די רייטאַרמייער ניט קיין סכעמאַטישע פיגורן, מיט וועלכער ס'איז אָפט אָנגעשטאָפּט געוואָרן די סאָוועטישע ליטעראַטור. יעדער פון זיינע העלדן פאַרמאָגט זיין געשטאַלט, זיין לשון און זיינע געפילן, וואָס זענען אָפט ענלעך אויף אַ שטורמישער פרילינגדיקער פאַרפלייצונג. אָבער זיי אַלע זענען איבערגעצייגט אין דער גערעכטיקייט פון דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכער זיי זענען גרייט אָפּצוגעבן (און גיבן אָפּ) זייער לעבן.

אין דער רייטער־אַרמיי פילט זיך באַבעלס אינטערעס צום גורל פונעם יידישן פאָלק, זיין באַהאַוונטקייט אין דער נאַציאָנאַלן שטייגער, דעם כאַראַקטער פון דער יידישער קולטור, אויף וועלכער דער שרייבער איז דערצויגן געוואָרן.

פון אַלע באַבעלס ביכער איז נאָר דאָס "טאָג־בוך" איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש,

און האָט דערזען די שיין ערשט נאָך זיין טויט ("סאָוועטיש היימלאַנד", נומערן 10, 11, 12, 1989). אין דעם דאָזיקן בוך טרעטן אַרויס פּילפּאַרביקע קינסטלערישע געשטאַלטן, וואָס שטעלן אויף וואָרהאַפטיק און פּילזייטיק די אומפּאַרגעסלעכע נאָכרעוואָליוציאָנערע תּקופה אין די געגנטן, וווּ ס'האָבן געלעבט גרויסע מאַסן יידן. ווי באַוווּסט זיינען זיי גאַנץ אָפט געפאַלן קרבנות פון די ווייסגוואַרדייישע און אויך פון איניקע רויטאַרמייישע מיליטער־טיילן, באַזונדערס פון די קאַזאַקן, פון וועלכער ס'איז באַשטאַנען די מערהייט פון דער ערשטער רייטער־אַרמיי.

דער דאָזיקער אינטערעס צום גורל פון די יידן אין די נאָוועלעס פון "דער רייטער־אַרמיי", - שפּעטער אויך אין די באַרימטע "אָדעסער דערציילונגען" און אין די דראַמען, - איז ניט קיין צופעליקער. ער איז באַשטימט געוואָרן מיט באַבעלס אָדעסער יחוס, מיט זיין דערציונג און מיט דעם יידישן נייגער און דורשט צו וויסן, וועלכע באַבעל האָט געירשנט פון זיינע עלטערן און האָט איינגעזאַפּט אין זיך אין זיינע קינדערשע יאָרן - דאָס איז גראָד דער פאַל פון דער געזעצמעסיקייט, וואָס אונדזערע חז"ל האָבן פעסטגעשטעלט: "דגרסינן דינקותא לית משתכחינן".

ב.

"וואָס האָב איך נאָך, אַחוץ דאָס ליכט פון פּנים?
אַחוץ דעם שוצלאָז שמייכלענדיקן מויל?
דאָס איז מיין פאַנצער קעגן אַלע מיינע שונאים,
מיין פעסטונג קעגן קומענדיקן גורל"

(שמואל האַלקין. לידער פון תפיסה און לאַגער. ז. 21, תל־אביב, 1988)

איסאַק (יצחק) באַבעל איז געבוירן געוואָרן אין אָדעס. ער איז אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַ משפּחה, אין וועלכער עס האָבן דורות־לאַנג זיך פאַרהיט די יידישע טראַדיציעס. דער זיידע לוי־יצחק איז געווען אַ רב - אַ זייער אָריגינעלע פּערזענלעכקייט, אַ חוזק־פיגור און גלייכצייטיק אַן אָנגעזעענער מענטש, נישט נאָר אין דער יידישער סביבה נאָר אויך אין די גוישע קרייזן. ער איז געווען אַ באַהאַוונטער ניט בלויז אין יהדות און הלכה, נאָר אויך אין פיל געביטן פון אַנדערע רעליגיעס, קולטור און געשיכטע, צו אים פלעגט מען קומען ווי צו אַן אַרביטער מיט פאַרשידענע שאלות אויף וועלכע ער פלעגט געבן תשובות און פּסק דינים. ער איז אויך געווען דער בעל־פּנקס פון דער שטאָט - אויף גרויסע פּירקאַנטיקע בלעטער פלעגט ער יעדן טאָג באַשרייבן מי בחיים ומי במוות און די וויכטיקסטע געשעענישן פון דער וואָך (וועלכע דער קינפטיקער שרייבער פלעגט בגנבה לייענען און דערנאָך פון זיי אַ סך נאַשן - אויסנוצן אין זיינע דערציילונגען. באַבעלס פאָטער, עמנואל, אַן אָנגעזעענער סוחר, האָט געירשנט פיל אייגנשאַפטן פון זיין טאַטן. דעם בן־יחיד זיינעם, יצחקן, האָט דער טאַטע פון די יונגסטע יאָרן געצוווּנגען לערנען העברעיש, תּנך און גמרא; פון דער מאַמען האָט איסאַק באַבעל געירשנט איר פעיקייט צו פאַנטאַזירן, איבערדערציילן אירע מעשיות יעדעס מאָל מיט נייע "פאַרגעסענע" דעטאַלן.

יידיש איז געווען זיין מאַמע־לשון. ער האָט די שפּראַך באַהערשט פריי און נאַטירלעך. די מאַמע פלעגט אים "שפּייזן" מיט יידישע ביכער און צייטונגען, וועלכע ער האָט ליב געהאַט צו לייענען און דערנאָך זיי איבערדערציילן "פּונקט פאַרקערט". מיט נייע אויסגעטראַכטע פּרטים. אַ חוץ דעם האָבן די עלטערן אים געצוווּנגען שטודירן

פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטן, כּדי אַריינצוטרעטן אין דער אָרטיקער קאָמערץ־גימנאַזיע. צום ערשטן מאָל, ניט געקוקט אויף די גלענצנדיקע אָפּגעגעבענע עקזאַמענס, איז ער, מחמת די פּראָצענט־נאָרמע, אין דער גימנאַזיע ניט אָנגענומען געוואָרן. דאָס צווייטע מאָל האָבן זיינע ענטפֿערס וועגן פּושקינס דיכטונג אַזוי פֿאַרכאַפּט דעם דירעקטאָר קאַראַוואַיעוו, אַז ער האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט בלחש געשעפּטשעט:

– אָ וווּנדערלעכע נאַציע, די זשידקעס - דער טייוול זיצט אין זיי! און הויך, אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן, האָט ער צוגעגעבן:

"גוט, גיי, מיין פֿריינדעלע. גיב איבער דיין טאַטן, אַז דו ביסט אָנגענומען אין ערשטן קלאַס"[1]

דאָס לערנען האָט זיך אים געגעבן גרינג. ער האָט זיך אויסגעטיילט פֿון זיינע מיטשילער מיט זיין ליבע צו רוסיש און רוסישער ליטעראַטור און אויך צו אַנדערע שפּראַכן. באַזונדערס איז ער פֿאַרכאַפּט געוואָרן מיט דער פֿראַנצויזישער שפּראַך, אַ סך געלייענט פֿון דער פֿראַנצויזישער ליטעראַטור און האָט אַפֿילו געפּרוּווט שרייבן דערציילונגען אין פֿראַנצויזיש. באַבעל האָט אויך פֿריי באַהערשט דייטש, גוט געלייענט ענגליש און בכלל געווען גוט באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור.

נאָכן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע, פֿאָרט באַבעל אַוועק קיין קיִעוו. דאָרטן גיט זיך אים איין פֿאַרעפֿנטלעכן אין אַ רוסישער צייטונג זיין ערשטע דערציילונג "דער אַלטער שלמה" - וועגן דעם טראַגישן גורל פֿון אַ ייִד - אַ זקן. אָבער באַקומען אַ שטענדיקע אַרבעט האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. דעריבער לאָזט ער זיך אַוועק קיין פּעטערבורג, ווּ עס זענען געווען ברייטערע מעגלעכקייטן זיך צו דרוקן. ניט האָבנדיק קיין "פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" (וווינונג־רעכט), האָט ער געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון דער פּאָליציי. צופֿעליק האָט ער געפֿונען אַ בעטל אין אַ קעלער ביי אַן אָפּיציאַנט פֿון אַ קאַרטשעווניע. גאַנצע טעג פֿלעגט ער אַרומלויפֿן איבער פֿאַרשיידענע רעדאַקציעס, פֿאָרלייגן זיינע דערציילונגען, נאָר מען פֿלעגט זיי אַלע אים אומקערן.

אי. באַבעל באַשליסט זיך ווענדן צו מאַקסים גאָרקין. צום אונטערשיד פֿון אַנדערע, האָט אים גאָרקי פֿריינדלעך אויפֿגענומען און דערנאָך פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע עטלעכע דערציילונגען. ער האָט אָבער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז זיי זענען נאָך רוי, און אַז דער יונגערמאַן ווייסט ניט דאָס רעאַלע לעבן. גאָרקי האָט אים געראָטן ער זאָל זיך אַוועקלאָזן "צו מענטשן" און באַקענען זיך "מיטן לעבן".

און אויף זיבן יאָר - פֿון 1917 ביז 1924 - איז ער אַוועק "צו מענטשן". ער האָט געדינט אַלס סאָלדאַט אויפֿן פֿראָנט. דערנאָך אין "טשעקאַ" (זיכערהייט־דינסט) ווי אַן איבערזעצער פֿון די באַוויזן פֿון פֿאַרשידענע אויסלענדישע שפּיאָנען, וועלכע מען האָט אין יענער צייט פֿאַרשיקט אין רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד: אָנטייל גענומען אין די שלאַכטן מיט די פּאָליאַקן; געשלאָגן זיך מיט יודעניטשן; באַשטימט געוואָרן אַלס קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צייטונג "קראַסני קאַוואַלעריסט" פֿון דער ערשטער רייטער אַרמיי; געאַרבעט אַלס אַרויסלאָז־רעדאַקטאָר *"און נאָר אין 1923* - שרייבט באַבעל - *האָב איך זיך אויסגעלערנט אויסדריקן מיינע געדאַנקען קורץ און קלאָר. דעמלט האָב איך ווידער אָנגעהויבן שרייבן"?*[2]

באַבעלס איבערלעבונגען און פֿראָנט־געשעענישן זענען געוואָרן דער אויסגאַנג

1) איסאַק באַבעל. אויסדערוויילטס. "די היסטאָריע פֿון מיין טויבנשלאַק", 1986, ז' 143

2) דאָרטן "דער רבי" ז, 31

פונקט פאַר די נאָוועלעס פון "דער רייטער־אַרמיי". אַלע זיי זענען דורכגעדרונגען מיט רעוואָליוציאָנערישן פּאַטאָס און איינצייטיק מיט דער טראַגיק פון דער רעוואָליוציע. באַזונדערס פילט זיך דער טראַגיזם אין דעם שרייבערס טאָגבוך. "איך בין אין גרימצאָרן - פאַרשרייבט ער דעם 26 יול 1920 - איך הער ניט אויף צו זיין אויפגעבראַכט. שמוץ, אַפּאַטיע. די ליידן פונעם רוסישן פאָלק איז ניט איבערצוטראָגן".

פאַר דעם נצחון פון דער רעוואָליוציע האָבן געקעמפט ניט נאָר רוסן, אוקראַינער, קאַזאַקן, נאָר אויך אַ היפּשע צאָל יידן. איינעם פון די יידישע מוטיקע קעמפער האָט באַבעל געווידמעט זיין רירנדיקע נאָוועלעס - "דער לעצטער רבי" פון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע, רבי מאָטעלע. און "דעם רבינס זון" - איליאַ.

דער רבי איז אַ גראָוער זקן, אַ צדיק, וואָס האָט אַדורכגעלעבט אין דער מהומה פונעם בירגערקריג אַ שווערן לעבן, אָבער ער איז טריי געבליבן זיין יידישן גלויבן. *"אין דער ליידנשאַפטלעכער געביידע פון חסידיזם - זאָגט ער - זענען אויסגעבראָכן די פענצטער און די טירן, נאָר זי איז אומשטערבלעך, ווי די נשמה פון אַ מוטער, מיט אויסגעריננענע אויגן שטייט זי נאָך אויף די קרייצוועגן פון דער געשיכטע".**

אַ פולער אַנטיפּאָד צום גאָטספאַרכטיקן חסידישן צדיק איז זיין זון, אַליאַ - "אַ יונגערמאַן מיט שפינאָזעס פנים, מיט אַ מעכטיקן שטערן פון דעם פילאָסאָף און מיט אַ קוואַרן אויסזע פון אַ מאָנאַשקע". די גאַנצע צייט, וואָס דער דערציילער איז געזעסן ביי דעם רבינס שבתדיקן טיש, האָט דער זון זיינער געדרויכערט און לויט זיין אָנבליק און זיין שוייגן איז געווען צו זען, "אַז ער איז אַ מענטש פון אַן אַנדער דור, אַ ווידערשפּעניקער זון, אַן אפּיקורס".

אים האָט אי. באַבעל געווידמעט די נאָוועלע "דעם רבינס זון"[3]. ער איז אַוועק אין דער רייטער־אַרמיי, העלדיש זיך געשלאָגן און איז אומגעקומען אין שלאַכט. צווישן די פאַרבליבענע זאַכן פון דעם דערהרגעטן רייט־אַרמייער האָבן זיך געפונען: מאַנדאַטן פון אַן אַגיט־פּראָפּ, אַ צעטל ידיעות פון אַ יידישן דיכטער, לענינס און דעם רמבמס פּאָרטרעטן, בלעטלעך פון "שיר השירים", און רעוואָלווער־פּאַטראָנען... *"אויף די מאַרגינעסן פון קאָמוניסטישע פלוגבלעטלעך האָבן זיך געשלענגלט שורות פון העברעישע לידער"* אַזאַ איבערפלעכט פון דעם אַלטן, וואָס גייט אָפּ און וואָס מען דאַרף ירשנען, און דאָס נייע, וואָס קומט אָן, איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר באַבעלס נוסח, פאַר דעם עצם אינהאַלט פון זיינע דערציילונגען.

אין דער הומאָריסטישער נאָוועלע "קאַרל־יאַנקל" שילדערט דער שרייבער אַ קאָנפליקט צווישן אַ יונגן מאַן מיט זיין שוויגער. ער - אַן אַטעיסט, אַ "פּריש־אויסגעבאַקענער" קאָמוניסט, וועלכער איז נאָר וואָס געוואָרן אַ טאַטע פון אַ ייִנגעלע, וועלכן ער חלומט אָנרופן קאַרל. ער פאָרט אַוועק אויף עטלעכע טעג אין אַ שליחות. זיין פרומע שוויגער נוצט אויס די געלעגנהייט און טראָגט אַוועק דאָס קינד צום מוהל, וועלכער מלהעט דאָס קינד און גיט אים דעם אַלט־יידישן נאָמען יאַנקל (יעקב). אַזוי אַרום האָט די באָבע באַהעפט דאָס אייניקל צו אונדזערע אָבות, צו יידישקייט. נאָר ווען דער טאַטע קערט זיך אום און דערוויסט זיך וועג דעם, ווערט ער אויפגעבראַכט. ער האָט געהאַט בדעה אָנרופן זיין זון קאַרל אין אָנדענק פון מאַרקסן ציטערנדיק פון שרעק, אַז מע קאָן אים אויסשליסן פון דער פּאַרטיי, קומט ער צום

---

3) "דעם רבינס זון", דאָרטן ז' 105

פאַרטיי־סעקרעטאַר זיך באַראַטן, וואָס דאַרף ער איצט טון. ער עצהט דעם אָפּגעזאָרטן טאַטן זיך ווענדן צו דער אָדעסער פּראָקוראַטור. זי באַשליסט אַדורכפירן אַן ענפטלעכן מוסטער־פּראָצעס.

אין געריכט קומען פאָר קאָמישע סצענעס: אַרויסטרעטונגען פון פאַרשיידענע עדות־זאָגערס, וועלכע אין זאַפטיק־טיפּישן אָדעסער לשון, באַרעכטיקן אָדער באַשולדיקן די שוויגער; עס קומט פאָר אַ הייסע הומאָריסטישע פּאָלעמיק צווישן דעם קטיגור און סניגור (ביידע יידן), סוף־כל־סוף קומט מען צו אַ קאָמפּראָמיס און מען גיט דעם קינד אַ צוויינאָמען קאַרל־יאַנקל. דאָס טראַדיציאָנעלע האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט נייעם, מאָדערנעם רעוואָלוציאָנערן שטייגער.

איינער פון די קאָלאָריטפולסטע געשטאַלטן אין דער "רייטער־אַרמיי" איז גדליה. ער פיגורירט אין אַנדערע באַבעלס דערציילונגען, און אים האָט באַבעל געווידמעט אַ ספּעציעלע נאָוועלע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אַ באַזונדערן חן[4]. די געשיכטע פון דער דאָזיקער נאָוועלע (ווי אויך פון אַ סך אַנדערע) ווערט געפירט פון דער ערשטער פּערזאָן. זי קומט פאָר אין דער, פון די פּאָליאַקן באַפרייטער שטאָט, זשיטאָמיר.

דער דערציילער גייט אַוועק אין מאַרק. ער איז פּוסט. נאָר איין קלייט - גדליהס קראָם פון אַלטע זאַכן - איז אָפן. קיין קונים איז אין קלייט ניטאָ. גדליה זיצט אַרומגערינגלט מיט איבערגעבליבענע נאָכן פּאָגראָם אַלטע סחורות און צעבראָכן אַלטוואַרג. ער טראַכט וועגן דעם, אין וואָס באַשטייט דער זינען פון די אויסטערלישע געשעענישן. ער קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס באַראַבעווען אים די רויטאַרמייער: *"דער פּאָליאַק - דערקלערט ער דעם גאַסט - האָט געשאָסן ווייל ער איז קאָנטר־רעוואָלוציע, איר שיסט ווייל איר זייט רעוואָלוציע, און די רעוואָליוציע איז דאָך אַ פאַרגעניגן - אַ גוטער ענין פאַר גוטע מענטשן. אָבער גוטע מענטשן הרגענען דאָך נישט. הייסט עס, אַז די רעוואָליוציע מאַכן רשעים..."*. גדליה הערט נישט אויף זיך צו חידושן: *"איך האָב אַמאָל געלערנט גמרא מיט רש"יס קאָמענטאַרן־זאָגט ער - און אויך דעם רמבמס ספרים. אין זשיטאָמיר זענען פאַראַן אויך אַ סך אַנדערע, וואָס קלייבן זיך פונאַנדער אין די קליינע אותיות. פאַלן מיר אויף דער ערד און שרייען פונעם גאַנצן האַרצן: ס'איז פאַר אונדז אַ גרויסער בראָך די זיסע רעוואָליוציע..."*

אַקטועל פאַרבלייבן ביז היינט די האַרבע שאלות פון דעם אַלטן גדליה, וועלכער איז גרייט אַלץ אַוועקגעבן דעם "אינטערנאַציאָנאַל", אָבער ער ווייסט נישט *"מיט וואָס עסט מען דאָס"* און דער גאַסט ענטפערט: *אים עסט מען מיט פּולווער און מען פאַרטרינקט דאָס מיט הייסן בלוט..."*

אין "דער רייטער־אַרמיי" און אין "די אָדעסער דערציילונגען" באַווייזט באַבעל, ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג האָט געליטן פון ביידע צדדים אין דעם בירגערקריג אין זיין "טאָגבוך" באַשרייבט ער, ווי די יידן האָבן געוואַרט אויף דער ראַטנמאַכט מיט גרויס האָפענונג, זייענדיק זיכער, אַז זי וועט זיי באַשיצן און באַפרייען פון אַלע אַנטיסעמיטישע פּורעניותן. אָנשטאָט דעם, האָבן זיי דערהערט "ווילדע אויסגעשרייען, זשידעס, מיט נאַהייקעס, מיט נאַהייקעס שלאָגט זיי!"

אין זיין אויטאָביאָגראַפישער טראַגישער דערציילונג "די געשיכטע פון מיין טויבנשלאָק" באַשרייבט ער דעם פּאָגראָם אין אָדעס, בעת וועלכן די מערדערס האָבן

4) דאָרטן, "געדאַלי" ז' 29

דערהרגעט זיין פעטער שויעלן און באַבעלס, געקויפּטע אויפן מאַרק, טויב, און מיט איר קערפּער פאַרבלוטיקט זיין פּנים, די צעיושעטע פּאַגראָמשטשיקעס האָבן אים באַגלייט מיט אויסגעשרייען: „אין די זשידעס, אין דער יידישער נאַציע זיצט דער טייוול" (...) „דעריבער קאַלאַמוטען זיי אומעטום".

אין די אויבן דערמאָנטע „אָדעסער דערציילונגען" מאָלט ער די פּילנאַציאָנאַלע באַפעלקערונג, באַזונדערס, דעם לעבנס-שטייגער און דעם אייגנאַרטיקן אָדעסער שפּראַך-אויסטויש פון די יידישע איינוווינערס. זייער אַ סך באַבעלס אויסדרוקן זענען אַריין אין אומגאַנג אַלס באַצייכענונג פונעם ספּעציפישן אָדעסער זשאַרגאָן. זיי זענען דערנאָך פאַרשפּרייט געוואָרן ווי גלייכווערטלעך, וועלכע האָבן זיך אָפּגעריסן פון קוואַל און זענען באַוווּסט געוואָרן אין גאַנצן לאַנד.

אָדעס איז שטענדיק געווען דאָס „היימלאַנד" פון „ווילע" יונגען בינדיוזשניקעס, גנבים, און „אונטערוועלטניקעס" אָבער אויך פון געראָטענע מוזיקאַנטן און טאַלאַנטירטע קינסטלערס, שרייבערס און דיכטערס; זיי אַלע, ווי די מערהייט פון אירע איינוווינערס, האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אויסטערלישן, שאַרפזיניקן הומאָר, מיט דעם אָדעסער אָריגינעלן (נישט נאָר יידישן) זשאַרגאָן און מיט אַ געפיל פון געזונטן און יאָדערדיקן לעבן, אַן אָנגעפילטס מיט אַנעקדאָטן, גרוילעכע און לעכערלעכע געשיכטעס; מיט עכטע און אָפּטמאָל אויסגעטראַכטע געשעענישן... אָדעס איז געווען די שטאָט פון באַבעלס קינדהייט און יוגנטלעכע יאָרן. זי איז געווען איינגעבאַקן ביי אים אין האַרצן.

ערב דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע האָט באַבעל געשריבן: *„אין אָדעס געפינט זיך אַן אָרעמע, פּילצאָליקע און ליידנדיקע יידישע געטאָ, אַ זייער זעלבסטגענוגנדיקע יידישע בורזשואַזיע און אַ ביז גאָר שוואַרץ-מאהדיקע דומע. די אָוונטן אין אָדעס זענען נאַגנדיקע און זיסע. די לופט איז דאָ אָנגעזאָפּט מיט געווירצטן אַקאַציע-אַראָמאַט און מיט גלייכמעסיקער אומגעהייערער שיין פון דער לבנה, וואָס שפּרייזט ווי אַ פּריצה שמייכלענדיק איבערן שוואַרצן הימל. אין אָדעס איז פאַראַן אַ פּאָרט, און אין דעם דאָזיקן פּאָרט קומען אָן פון ניו-קאַסטעל, קאַרדיף, מאַרסעל און פּאָרט-סאַיד דאַמפשיפן; דאָ צוזאַמען מיט זיי - נעגערס, ענגלענדער, פראַנצויזן און אַמעריקאַנער. אָדעס האָט געוווּסט פון גוטע צייטן און פון פּאַטישער פאַרוועלקונג - אַ ביסעלע אַ זאַרגלאָזיקע און כמעט אַן אומבאַהילפיקע פאַרוועלקונג*[5] (פון רוסיש מ.וו.)

דער שפּיגל פון אָדעס איז ביי באַבעלן די פאָרשטאָט, די מאָלדאַוואַנקע, ווו עס האָבן זיך באַזעצט גנבים, פאַרשיידענע מינים פאַרברעכערס, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. אין שפּיץ פון זיי שטייט דער „קיניג" בעניע (בן-ציון) קריק מיט זיינע געהאָרכזאַמע מיטהעלפערס. זיי, די גנבים, שאַנטאַזשיסטן, שמוגלער און קאָנטראַבאַנדיסטן זענען דאָ די בעלי-בתים. בעניע קריק איז דער „קיניג" און ער האָט אין דער שטאָט אַ גרויסע מאַכט. די מאָלדעוואַנקע מיט אירע „העלדן" איז אַ באַזונדערע קאָלאָריטפולע וועלט. ביז באַבעלן האָט זי קיינער אַזוי ראָמאַנטיש ניט דערהויבן און צוזאַמען מיט דעם פאַרגעזען, אַז זי וועט מוזן אונטערגיין.

אַן עפּילאָג צו „אָדעסער דערציילונגען" איז באַבעלס דראַמע „די שקיעה". („זאַקאַט"). די האַנדלונג אין איר קומט פאָר ערב דער ערשטער וועלט-מלחמה, און שילדערט דעם

5) דאָרטן, ז' 5

אונטערגאַנג פון דער צעהוליעטער מאָלדאַוואַנקע, פון בעניע קריקס משפחה. דער וועלט־באַוווסטער רעזשיסער, ס. אייזנשטיין האָט געהאַלטן, אַז "די שקיעה" איז געווען "לויט איר מייסטערשאַפט, די בעסטע נאָכאָקטאָבערשע פּיעסע" זי איז אָבער אויסגעפירט געוואָרן אָן דערפאָלג אין דעם "מכאַט" ("מאָסקווער קינסטלערישער אַקאַדעמישער טעאַטער"). מיט גרויס מייסטערשאַפט און דערפאָלג איז זי אויסגעפילט און פאָרגעשטעלט געוואָרן אין די 60־ער יאָרן אין ישראל, אין טעאַטער "הבימה"; און אויך אין בודאַפּעשטער טעאַטער "טאַליאַ".

אין דער מיט פון די 20־קער יאָרן פאַראינטערעסירט זיך באַבעל מיט דער קינאָדראַמאַטורגיע, דער ערשטער קינאָ־פילם "דאָס יידישע גליק". איז דערשינען מיט יידישע טיטרען און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס ביי דעם יידישן צושויער. אַ נאָך מער גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט דער פילם "בלאָנדזשענדע שטערן", דעם סצענאַר האָט באַבעל געשריבן לויט שלום־עליכמס ראָמאַן מיט דעם זעלבן נאָמען. דער פילם איז דערשינען אין 1926 און איז תמיד געגאַנגען מיט פולע אַנשלאַגן.

דאָ איז כדאי צו באַטאָנען, אַז באַבעל האָט זייער ליב געהאַט שלום־עליכמען. ניט אומזיסט האָט ער געזירשנט פון אים אייניקע שטריכן פון זיין שרייבערישן נוסח. (באַזונדערס די פאָרעם פון דיאַלאָג). עס איז באַוווסט, אַז באַבעל האָט אָנגעהויבן איבערזעצן זיינע ביכער (און אויך מענדעלע מוכר ספרימס שריפטן) אין רוסיש *(צייטונג "דער אמת", 11־טער מאַרץ 1936)*, באַבעל דערציילט וועגן דעם: *"נאָך מער, שלום־עליכם איז אויך ניט ווי געהעריק איבערגעזעצט, דער מלוכה־פאַרלאַג נעמט איצט פאָר אַ גרויסע אַרבעט איבערצוזעצן שלום־עליכמען. איך דאַרף אייך מיטטיילן, אַז אַ גרויסע טייל פון דער אַרבעט נעם איך אויף זיך"(...) "און די ערשטע ביכער וועלן דערשיינען אין לויפנדיקן יאָר"*[6]

צון גרויסן באַדויערן, זענען באַבעלס פּלענער ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן. די לעצטע יאָרן, זייענדיק אַן עדות פון דעם ווילקיר אין ראַטנפאַרבאַנד - פון טויזנטער אַרעסטן, שוידערלעכע פּייניקונגען און סדום־געריכטן - האָט ער אויפגעהערט צו שרייבן. די דיסקרימינאַציע פונעם שרייבער האָט זיך אָנגעהויבן אין סוף פון די 20־ער יאָרן. דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער רייטער־אַרמיי ס. בודיאָני, אין זיין אָפענעם בריוו צו מאַקסים גאָרקין (וועלכער איז באַצויבערט געוואָרן פון באַבעלס "רייטער־אַרמיי"), האָט געשריבן: *"די פאַבולעס פון באַבעלס סקיצן, וועלכע זיינען דעקאָרירט מיט איבערפלייסיקע איינדרוקן פון אַ מאַניאַקאַלן אַווטאָר, גייען פונעם פלוידער פון אַ משוגענעם יידן, און דאָ שפּיגלט זיך אָפּ אין די באַשרייבונגען וויאַזוי מען האָט באַרויבט אַ קאָסטיאָל ...וויאַזוי עס זעט אויס אַ יידישע פרוי, וועלכע איז פאַרגוואַלטיקט געוואָרן פון אַ צענדליק מאַכנאָווצעס"*[7]

אין שרייבער־פאַריין פלעגט מען באַבעלן אָפּט פירוואָרפן הלמאַי זיין ערשטע פרוי מיט דער טאָכטער, 10 יאָר אַלט, וווינען אין פּאַריז, און (נאָכן טאַטנס טויט), אַז ער האָט "ניט אומזיסט אַריבערגעפעקלט" די מאַמע פעניע און זיין שוועסטער מאַריע קיין בעלגיע (ברישעל), און פלעגט אָפּט קומען באַזוכן זיי אויף לאַנגע טערמינען. פון דאָרטן פלעגט ער זיך אומקערן מיט "הוילע הענט" - ער האָט אויפגעהערט צו שרייבן.

---

6) דאָרטן ז' 118

7) "סאָוועטיש היימלאַנד", 1991 , נומ. 9, ז' 113

# עפּילאָג

"געוויס איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט,
וואָס איר פּאַלשט אייער אייגן האַרץ,
איר פּילט אָן אַלע וואַסערן מיט אייערע הייליקע טרערן" (...)
"און ווען ס'בלוטיקט אייער לייב אין שונאס ציין,
דערלאַנגט איר אים די נשמה"...
(ח.נ. ביאַליק, "אָכן גם זה מוסר אלוהים". פרייע איבערזעצונג)

דעם 16 מיי 1939 איז איסאַק באַבעל אַרעסטירט געוואָרן. און צוזאַמען מיט דעם זענען אַרעסטירט געוואָרן און אויף אייביק פאַרפאַלן געוואָרן זיינע איבערזעצונגען און אַ סך אַנדערע ניט דערשינענע שריפטן. אין משך פון 15 יאָר, ביז 1954, האָט מען וועגן אי. באַבעלן ניט געהאַט קיין שום ידיעות.

אין אַרכיוו פון ק.ג.ב. האָט זיך פאַרהיט בלויז באַבעלס אויספאָרשונגס־ענין... פון אים דערוויסן מיר זיך וויאַזוי ס'האָט זיך אָנגעהויבן און זיך פאַרענדיקט דער גאָלגאָטע־וועג פון דעם ניט־יידישן ייד, איסאַק באַבעל, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן מקריב געווען דער ראַטנמאַכט און איר קולטור.

אין דעם דאָסיע איז אָנגעוויזן, אַז בעת דער אונטערזוכונג האָט מען צוזאַמען מיט באַבעלן אַרעסטירט 24 פּאַפּקעס מיט מאַנוסקריפּטן, 18 נאָטיץ־ביכלעך און בלאָקנאָטן, 517 בריוו, קאַרטלעך און טעלעגראַמעס, 244 פאַרשידענע בלעטלעך... זייטלעך, אַרויסגעריסענע פון ביכער מיט שענק־אויפשריפטן.

אין לוביאַנקער טורמע האָט מען ביים שרייבער אָפּגענומען די דאָקומענטן און די שליסלען פונעם הויז, די שלייקעס פון די הויזן, ציין־פּאַסטע, אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו לייבלעכער היגיענע, אַפילו "אַן אַלט פּאַסיקל פון אַלטע סאַנדאַלן" נאָך דעם ווי ס'זענען פאַרענדיקט געוואָרן אַלע דערנידעריגונגס - פאָרמאַליטעטן האָט מען דעם אַרעסטירטן אַוועקגעפירט אויף אַ "באַירבעטונג" אין דער סאַמע שרעקלעכער פיינונגס־טורמע, "סוכאַנאָווקע", ווו מען האָט פון אים מיט מכות רצח אַרויסגעריסן אַלע "נוצלעכע באַווייזן" און "דערקענונגען".

טעג און נעכט אונטערן דרוק פון פּיינלעכע פיזישע און פּסיכישע "באַאַרבעטונגען" איז זיך "מודה" באַבעל אין ניט געשטויגענע נישט געפלויגענע געשיכטעס וועגן זיינע "טראָצקיסטישע" אָנשויונגען, און זיין "מיטאַרבעט" מיט דעם אַרעסטירטן זיכערהייט - מיניסטער יעזשאָוון, וועגן זיינע אינטימע פאַרבינדונגען מיט דער "שפּיאָנקע" - יעזשאָווס ווייב (יעווגעניאַ כאַיוטינאַ־גלאַדון־יעזשאָוואַ); ער באַרעדט אַ סך פון זיינע פריינד.

אין דער טורמע, דעם 5־טן און 21 נאָוועמבער 1939, האָט באַבעל אָנגעשריבן 2 מעלדונגען אין דער הויפּט־פּראָקוראַטור פון דעם ראַטנפאַרבאַנד אין וועלכע ער ווייזט אָן:

*"אין מיינע באַווייזן האָב איך געטריבן רכילות אויף אומשולדיקע מענטשן"... דער געדאַנק, וועגן דעם, אַז מיינע באַווייזן העלפן ניט נישט נאָר אויסקלאָרן דעם אמת, נאָר ברענגען אַריין אין דער אויספאָרשונג אַ טעות - פּייניקט מיך אומדערמידלעך. אין דעם פּראָטאָקאָל פון 10־טן אָקטאָבער, האָב איך צוגעשריבן אַנטיסאָוועטישע טעטיקייט די שריפטשטעלער אי. ערענבורגן, ג. קאָנאָוואַלאָוון, מ. פּייעראָוויטשן, ל. טורמאַנען, אָ. בראָדסקען און אַ גרופּע זשורנאַליסטן - יע. קריגערן, יע. בערמאַנטן, ט. טעס... דאָס איז*

*אַלץ אַ ליגן, וואָס איז מיט קיין זאַך ניט באַגרינדעט. די דאָזיקע מענטשן האָב איך געקענט ווי אָרנטלעכע, געטרייע סאָוועטישע בירגער. די רכילות זענען אַ רעזולטאַט פון מיין קליינמוטיקער אויפפירונג בעת דער אויספאָרשונג״*[8].

הגם קיין שום פאַקטן פון באַבעלס אונטערררייסערשער און שפיאָנישער טעטיקייט האָט זיך ניט איינגעגעבן אויסגעפינען - זיי האָבן פשוט ניט עקזיסטירט אין דער נאַטור - און צום סוף פון דער אויספאָרשונג האָט זיך באַבעל קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון אַלע זיינע פריערדיקע באַווייזן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, זענען די אַרויסגעקוועטשטע ״אָנערקענונגען״, דעם 22 יאַנואַר 1940, אַוועקגעשיקט געוואָרן צו דער מיליטערישער קאָלעגיע צו משפטן דעם ״פאַרברעכער״.

דעם 25־טן יאַנואַר, אַ טאָג פאַר דער זיצונג פונעם געריכט, האָט באַבעל באַקומען דעם באַשולדיקונגס־אַקט און גלייך זיך געווענדט מיט אַ מעלדונג צום פאָרזיצער פונעם אויבער־געריכט, באַבעל בעט, אַז פאַר דעם, ווי עס וועט זיך אָנהויבן די סעסיע, זאָל קומען צו אים אין קאַמער דער פּראָקוראָר פונעם אויבער־געריכט, וועלכן ער וויל אָפּגעבן אַ נייע דערקלערונג. ער בעט אויך דערלויבן אים איינלאַדן אַ פאַרטיידיקער און אַרויסרופן אַלס עדות אַ ריי שרייבערס און קינסטלערס און בתוכם דעם אַרטיסט שלמה מיכאָעלסן. אַחוץ דעם פאָדערט ער מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט זיך באַקענען מיט דעם דאָסיע זיינעם, ווייל ער האָט אים געלייענט 4 חדשים צוריק ״פאַרבייגייענדיק אין דער טיפער נאַכט״... ״אין אַ צושטאַנד, ווען מיין זכרון האָט גאָרניט געקאָנט איינהאַלטן״. אַלע באַבעלס בקשות זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן און צומאָרגנס, דעם 27־טן יאַנואַר, איז פאָרגעקומען דער געריכט. ער האָט געדויערט ניט מער פון 20 מינוט.

באַבעל האָט זיך אַלס שולדיקער ניט אָנערקענט און האָט געמאָלדן, אַז אַלע זיינע ״באַווייזן בשעת דער אויספאָרשונג זענען אַ ליגן. - *...איך בין אין גאָרנישט שולדיק קיין שפּיאָן בין איך קיינמאָל ניט געווען. קיינמאָל בין איך קיין שום האַנדלונגען קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד ניט באַגאַנגען. אין מיינע באַווייזן האָב איך אויסגעטראַכט אויף זיך אַ בילבול. איך בעט וועגן איינס - געבן מיר די מעגלעכקייט פאַרענדיקן מיין לעצטע אַרבעט״.*

דער געריכט איז אַוועק אויף אַ ״באַטראַכטונג״ און באַלד זיך אומגעקערט צוריק. דער פאָרזיצער, אולריך, ימח שמו וזכרו, האָט פאָרגעלייענט דעם פאַרפריער אָנגעשריבענעם און פאָרויסבאַשטימטן אורטייל:

*...״באַבעל איז געווען אַן אַגענט פון דער פראַנצויזיש־עסטרייכערישער אויסשפּירונג״ (...) ״אַריינגעצויגן אין דער פאַרשווערישער טעראָריסטישער אָרגאַניזאַציע״ (...) ״אָנערקענענדיק באַבעלן אַלס שולדיק... האָט דאָס געריכט אים פאַרמשפּט צו דער העכסטער מאָס פון שטראָף - צום צעשיסן... דער אורטייל איז אַן ענדיגלטיקער... ער וועט אויסגעפּילט ווערן תיכף...״*

דעם 27־טן יאַנואַר 1940, 1 אַזייגער מיט 30 מינוט איז באַבעל אין דער טורמע צעשאָסן געוואָרן, אין דעם זעלבן טאָג איז ער קרעמירט געוואָרן.

* * *

צווישן די רעפּרעסירטע סאָוועטישע שרייבערס איז באַבעל רעהאַבילטירט געוואָרן איינער פון די ערשטע (דעם 18 דעצעמבער 1954). אין די 90־קער יאָרן זענען

8) ״די יידישע גאַס״. 1995, נומ. 5. ז׳ 89

דערשינען 2 בענד פון זיינע ווערק. אין דער רוסישער פּעריאָדיק האָבן זיך באַוויזן עטלעכע וויסנשאַפטלעכע און פּובליציסטישע אַרטיקלען וועגן זיין שאַפונג. עס האָט זיך גערעכט, אַז זי לעבט איבער אַ געוויסן רענעסאַנס, און נאָך דעם שרייבערס אכזריותדיקן אומקום וועלן די נייע מאַכט־אָרגאַנען דערמאָנען אים צו גוטנס און אומקערן באַבעלן זיין גוטן נאָמען און דאָס וואָס מען האָט ביי אים צוגענומען בעתן אַרעסט - די 24 פּאַפּקעס מיט מאַנוסקריפּטן. אין יעטוועדער דעמאָקראַטישער מלוכה וואָלט דאָס טאַקע אַזוי געווען. אָבער "ניט ביי פּאָניען". די "נייע" רוסן (בתוכם די ניי־יידישע מאַגנאַטן), פאַר וועלכע ליטעראַטור־שאַפונגען האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער ווערט, זענען ניט פאַראינטערעסירט אין תחיית המתים פון די ווערק (און די נעמען פון זייערע שעפער), וועלכע עס האָבן אומגעבראַכט סטאַלין און זיינע סאַטראַפּן. צוזאַמען מיט דעם דויערן וויטער די אָנפאַלן אויף באַבעלן. די אַזויגערופענע רוסישע "פּאַטריאָטן" האַלטן, אַז באַבעל איז קיינמאָל ניט געווען קיין רוסישער שרייבער"[9] און מען דאַרף אים אויסמעקן פון דער רוסישער ליטעראַטור, "ווייל ער איז געווען אַ ייד און די טעמאַטיק פון זיין שאַפונג איז ענג פאַרבונדן מיטן לעבן און מיט דער קולטור פונעם יידישן פאָלק".

זענען זיי דאָך גערעכט! על כן ברוך יהי זכרו..

[9] "סאָוועטיש היימלאַנד", 1991, נומ. 9. ז' 113

לייב באַראָוויק/ניו־יאָרק

# פון זינט ביסט ניט־הי

אַז דו ביסט פאַרטיליקט געוואָרן,
איז טיפער פון ים נאָך מיין צער;
עס טרעפט, כ'הער האַלב וואַך, האַלב אין
חלום
דיין קול: "זיי מיין חבר, געשטאַרקט".

אַז כ'האָב דיך אויף אייביק פאַרלאָרן,
ז'קיין רו ניט פאַראַנען פאַר מיר;
כ'קען אָפט מאָל די שיין ניט פאַרטראָגן.
פאַרצערט כ'ווער פון בענקשאַפט נאָך דיר.

פון זינט ביסט ניט־הי, מיין באַשערטע,
איז יעטווידער פרייד מיר פאַרווערט.

כ'בין עלנט אַזוי ווי אַ דאָרן
וואָס שטייט דאָרט אין מידבר פאַרקלערט.

אין דעמער־שעה וויזסט פאַר מיין אויג זיך
בת־טובים, און זאָגסט שטילערהייט:
"אָ גלייב זשע מיר, גלייב, ס'האָט מיין אומקום
סיי ווי מיך פון דיר ניט צעשיידט."

ס'האָט יעטווידער שטיין דאָרט אין לאַגער
באַקלאָגט שטומערהייט דיין פאַרגיין.
ס'וויברירט אין דער לופט נאָך אַצינדערט,
מיין שענסטע, דיין לעצט־לעצט געוויין.

זאָל לייכטן עד־עולם דיין זכר
געבענטשטער, אמן ואמן.

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים, ישראל

# צוויי מיניאַטורן

## עס שלאָפט זיך ניט

עס שלאָפט זיך ניט. עס שלאָפט זיך ניט. מע זאָגט, אַז עס שלאָפט זיך ניט, זאָל מען פאַרמאַכן די אויגן, שליסן די וויעס און ציילן.

כ'פאַרמאַך די אויגן. כ'שליס די וויעס און עס שלאָפט זיך ניט. פון יענער זייט לאָדן איז די פינצטערניש. דער לאָדן פאַרדעקט דעם חושך, אָבער איך ווייס, איך שפּיר אַז ער איז פאַראַן.

די שוואַרצע נאַכט איז ווי אַ שוואַרצער ים. די שוועל פון הויז איז דאָס לעצטע שטיקל יבשה. נאָך איין טראָט, אַ ניט-באַרעכנט טריטעלע, וועלן מיך די נאַכטכוואַליעס פאַרשווענקען און אַראָפּשטויסן אין אירע טיפענישן.

הוי, דער חושך, דער חושך! איך האָב אים ניט ליב. ער שטערט מיר דעם שלאָף. אויך דער ווינט שטערט. ער וויעט אין דרויסן, וויעט און עסט זיך איין אין די ביינער. ער בייגט די צווייגן און די ביימער קרעכצן.

איך הער אַ רעש. אַ געפליגל. אַ געפלאַטער אַהין און אַהער, אַהער און אַהין פון צעטומלטע פייגל.

אפשר האָט אויך דער ווינט מורא פאַר דער טונקלעניש?

איך האָב ניט קיין מורא. וואָס וועט מיר די פינצטערניש טאָן? זי איז דאָרטן אויפן פּוסטן, הוילן פעלד און איך בין אין שטוב, צווישן מיינע פיר ווענט אין מיין אייגן בעט.

די פינצטערניש ווערט אַדורכגענומען פונעם ביינאַכטיקן טרויער, פונעם ביינאַכטיקן ווינט, וואָס זוכט אַן אייגענעם ווינקל און זי, די פינצטערניש, וואַרט פונקט אַזוי ווי איך, עס זאָל ליכטיק ווערן, דער טאָג זאָל קומען, די טיר זאָל זיך עפענען, די זון זאָל אַריינדרינגען און זאָגן:

- גוט-מאָרגן! שטיי אויף!

## אַ זומער אַזאַ

דער פרילינג איז געווען שיין און לאַנג, לענגער ווי תמיד. אַ גרינער, שפּרודלדיקער פרילינג! און אָט איז געקומען דער זומער. ער איז געקומען און איז דאָ. ס'איז אָבער אַן אַנדער זומער, ניט צו פאַרגלייכן מיטן פאַרגאַנגענעם. אַלץ איז אַזוי אַנדערש (דאָס פאַרגאַנגענע איז שטענדיק "אַנדערש"), בלויז די פרוכטן האָבן אויפגעהיט מיט אַ בלינדער איבערגעגעבנקייט זייער טעם און ריח. לויט ווי זיי באַווייזן זיך, ווייס מען, אַז דאָס זענען די גוטע פרוכטן פון דער געבענטשטער ערד. דאָס גרין פון די בלעטער גייט אַריבער אין געל, און פון בליעכץ ווערט פרוכט. דאָס צייטיקן זיך געדויערט און שפּאַרט זיך ביז צום פּלאַצן.

די זון איבער די בלויע הימלען בריט ווי שטענדיק. אין חמסין-טעג ווערט דער הימל העל-גרוי, פאַרווייסט, די ביימער - פאַרגליוערט, די פייגל - פאַרשטומט און פאַרשטעקט.

דער טייערער זומער איז דאָ. די שטיינער זענען אָנגעגליט. דער אַספאַלט גלאַנצט, שוויצט און ווערט פאַרווייכט פון דער חמימה, די הייזער ווערן זיך קעגן די שטראַלן מיט זייערע ווייס-געקאַלכטע ווענט. אויף די דעכער שרייען די טעלעוויזיע-אַנטענעס

←

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

# הער בייער אין גרוב

## דערציילונג

אַ זונטיק אין זומער 1949, אין מינכען. דער טאָג האָט זיך פאַרכליניעט אונטער אַ ליכטיק־צאַפּלדיקן דוש, וואָס די זון האָט פריידיק פונאַנדערגעשפּריצט איבער דער שטאָט. איז זי געבליבן הענגען, די זון, אין סאַמע מיטן הימל און די שטאָט האָט זיך איר אַנטקעגנגעוויגט, ווי אַ בונטער לוסטיק־צעפּלאַטערטער קאַרוסעל: גאַסן, פּאַרקן, חורבות און הויכע קלויסטערס. סטאַטועס פון מיליטער־לייט מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן, בראָנדזענע פילאָסאָפן מיט שימל־באַדעקטע ביכער אונטער די אָרעמס, אויף פעסטע פּעדעסטאַלן, זענען געשטאַנען אונטערן זוניקן שטראָם און געוואָרעמט די אייזערנע קעפּ און אויסגעהוילטע גלידער. אויף דער שאַרף פון אַ בלאַנקער שווערד, וואָס אַן אַלטער אָנגעכמורעטער גענעראַל מיט אַ העלם אויפן קאָפּ האָט דראָענדיק־זיגעריש געהאַלטן, זענען געשטאַנען צוויי ווייסע טייבעלעך און זיך פאַרליבט געקושט מיט די העל רויט־קאָלירטע שנעבעלעך.

עלטערע דייטשן מיט זייערע אויסגעצירטע פרויען, אין יומטובדיקע קליידער, האָבן געמיטלעך געמאַכט זייערע נאָכמיטאָג־שפּאַצירן. אַנדערע זענען געזעסן אויף די בענק אין די דרויסנדיקע קאַפעס, אונטער שאָטנדיקע ביימער, און זיך געקוויקט זופּנדיק פּאַמעלעך פון ליטערדיקע גלעזער אַ ביטערן ביר. יינגערע האָבן געאַיילט צו פוס און

---

מיט אַ באַנומען קול: הייס, הייס! אוי, הייס, ניט אויסצוהאַלטן! די וואַסער־קעסלען קאָכן, פּרייכן. דאָס אויפגעברויזטע וואַסער וויל בגוואַלד אַרויסשפּרינגען, אָבער די דעקלען האַלטן זיי איין. בלויז די גלעזערנע פּלאַטעס וואָס פאַנגען די זונשטראַלן פאַר די שטוביקע טושן און וואַנעס זענען זיך מחיה. זיי קאָנען זיך ניט זעטיקן מיט דער היץ. איטלעכער שטראַל איז אַ מציאה. וואָלטן זיי געקענט, וואָלטן זיי איינגעשלונגען די גאַנצע זון און פאַר קיינעם ניט געלאָזט קיין ברעקל וואַרעמקייט.

דער זומער באַגייט זיך אָן רחמים מיט די דערנער ביי די וועגן. ער ציט אַרויס פון זיי דאָס לעצטע ביסל זאַפט, דעם לעצטן טראָפּן חיות, און עס אַרט אים ניט וואָס זיי באַקלאָגן זיך אויף זייער דאָליע מיט אַן אָפּגעטייטן שאַרך פאַר די טויבע ווינטן. דער זעלבער זומער הויפּנט אָן שווערוואָגיקע אַרבוזן און טראָגט אויף די מערק גאַנצע בערג פון דעם גוטן, זאַפטיקן גערעטעניש.

ס'איז אַ זומער מיט שרפות אין פעלד און וואַלד, מיט סקאָרפּיאָנען און מיט שלענג, מיט אויסגעשטערנטע נעכט (וואָס פאַרלייכטערן אַ ווײַלע דעם אָטעם), מיט פריע זון־אויפגאַנגען, מיט באַלאַגערטע ים־ברעגן, לייכט אָנטועכץ, מיט בענזין־שטיקעניש און וועג־קרבנות. ס'איז אַ יום־טוב אַזאַ, וואָס ציט זיך אַ סך, אַ סך טעג, ביז די טעג ווערן קלענער, וויכער און קילער.

סוף־כל־סוף, נאָך דער צעפּלאַקערטער אָנגרייפערישקייט, וועט זיך דער זומער אונטערגעבן דעם באַרעמהאַרציקן, אויסגעאיידלטן האַרבסט. ער וועט אָפּטרעטן ערגעץ אויף די הויכע בערג אָדער ים־טיפענישן כדי אָנצוזאַמלען כוחות פאַרן קומענדיקן יאָר און די בני־אדמס וועלן ווידער קאָנען זאָגן:

–ס'איז אַן אַנדער זומער, ניט צו פאַרגלייכן מיטן פריערדיקן!

אויף ראָוערן צו די באַנהויפן, אויף אַרויספאָרן פאַרברענגען אויסערן שטאָט. הער בייער האָט געקוקט דורכן אויפגעפּראַלטן פענצטער אין גאַס אַריין, ווייט אַרויפצו צו דאַכאַוער שטראַסע, און געהערט די אָפּטע לאָקאָמאָטיוו־פּייפערייען פון דעם נאָענטן הויפּטבאַנהויף. ער האָט געטראַכט פון די פּיל צוגן וואָס גייען היינט אָפּ צו די וועלדער און פעלדער אַרום. זעט אויס אַז אַלע מינכענער פאָרן אין דער נאַטור צו געניסן פון אַזאַ שיינעם טאָג. פאַרביי זיין פענצטער זענען כּסדר געגאַנגען שפּאַצירער - יונגע מענער און פאַרפּוצטע דאַמען, שטיפעריש זיך דערציילט וויצן און געלאַכט. דער ראַדיאָ הינטער זיין רוקן האָט געשפּילט דעם מיטאָג־קאָנצערט. ס'האָבן זיך געמישט שטיל פאַרבענקטע מעלאָדיעס און פרייליכע פילם־שלאַגערס. מיט אַ מאָל האָט אַ פּויק געטאָן דאָס געזאַנג פון דעם יידישן טענאָר יוסף שמידט: "היינט איז דער שענסטער טאָג אין מיין לעבן".

הער בייער האָט קוים אַ רגע זיך צוגעהערט, זיך ראַפּטעם אויסגעדרייט צום ראַדיאָ־קעסטל און אויסגעשלאָסן דעם אַפּאַראַט. נאָך דעם האָט ער געעפנט די טיר פון קליידערשאַנק און אַרויסגענומען זיין עכטבייערישן טראַכט: אַ גרינע הוט, מיט געדרייטע גראָע פעדערן אין אַ זייט. אַ פּאָר קורצע הויזן פון אַ סאַמעט־ווייכן הירשן־לעדער און לאַנגע גרינע שליפן פון ביידע זייטן, ביי די קני; אויפן ברוסטפאַס, צווישן די הויזן־שלייקעס אַ היפּשע עדלוויס בלום, געשניצט פון הירשהאָרן. און ווי אַ שיינדלינג פון דעם אַלעם -די מאַרינאַרקע: ביים גרינעם דין עלעגאַנטן קראַגן צוויי בלאָנדע שלאַנקע הירשעלעך. "אַנדערע מוזיק", האָט ער צו זיך געזאָגט און אַ דריי געטאָן דאָס קנעפּל. אָבער עס האָט אַ קלונג געטאָן דער לעצטער שטאַרקער אַקאָרד פון לייבן־קול פון יוסף שמידט. נאָך אַ מינוט שטילקייט האָט שוין אַן אַלט־באַקאַנטע מעלאָדיע פון דייטשישער פאָלקסמוזיק פול געמאַכט דעם צימער. די מעלאַנכאָליש־סענטימענטאַלע מוזיק האָט זיך דורכגעמישט מיטן זונליכט און מיטן ריח פון די נעלקען אין בייט אונטערן פענצטער. איצט האָט הער בייער, אַן אויפגעמונטערטער, גענומען אַרויפציען די בלאַנקווייסע זאָקן אויף זיינע איידל־געפלעגטע פיס, ער האָט פאַרשנאָלט די גלימערדיק־זילבערנע שלעסער אויף די טופל. גרייט! ער איז געבליבן זיצן און דורכן מוח האָבן שנעל געיאָגט אויפגערעגטע, צעריסענע געדאַנקען: איך מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַן אָנהייב... אַרויסגיין... אַ סוף צו דער שפּיל אין באַהעלטעניש... און די צייט איז אַנדערש, זיך געביטן. ניט ווי מיט דריי־פיר יאָר צוריק... פון דעם געדאַנק איז אים גאָר לייכט געוואָרן אויפן האַרצן און ער האָט זיך געזעצט ביים טואַלעט־טישל, אַנטקעגן שפּיגל. לאַנג און נאָכפאָרשעריש האָט ער באַקוקט זיין געזיכט. די בלאָ־וואַסערדיקע אויגן האָבן זאָרגעוודיק באַטאַפּט יעדן קנייטשעלע און שפּרענקעלע. באַטראַכט יעדן הערעלע אין די וואָנצעס און מיט שוואַרצן קוילנשטיפט, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון אַ באַהאַלטן שופלאָדיקל, גענומען זיי באַשמירן. אויך האָט ער עס געטאָן אויף די ערטער אויפן קאָפּ, וווּ ס'האָט אים אויסגעוויזן אַז די פאַרב איז אַ ביסל אָפּגעבליאַקעוועט. פון צו פּיל טינטיקער שוואַרצקייט האָבן די בלאָע אויגן אויסגעקוקט פרעמד, ווי זיי וואָלטן אין די אויגן־לעכער פאַרבלאָנדזשעט מיט אַ טעות. אָבער הער בייער האָט אין דעם געזען די גרויסע מעלה פון זיין ניט־ענלעכקייט צו זיין אמתדיקן "איך". ער האָט זיך גרונטיקער באַטראַכט און ס'האָט אים געצויגן אין זוניקן דרויסן. ער האָט זיך געזוכט צו באַרויקן: די צייט איז איצט גינציקער פאַר מיר... און איין מאָל מוז עס דאָך סיי ווי געשען... ער איז

נאָך דער מלחמה געוואָרן זייער אויסגערעכנט און פּאָרזיכטיק. ער האָט זיך געמאַכט אַ כּלל: אַז מע זעט דיר וואָס ווייניקער, זענען דיינע שאַנסן ניט צו דערקענט ווערן קאָלאָסאַל, מחמת די מיט וועמען דו קומסט אין קאָנטאַקט איז דיר גרינגער צו קאָנטראָלירן. דער מיטאָג־קאָנצערט איז געווען פּאַרענדיקט. דער "ספּיקער" האָט איבערגעגעבן די לעצטע נייעס. פּלוצעם האָט אים אַ ידיעה צערודערט און ער איז געבליבן זיצן אָפּהענטיק. "מע מוז זיין שטאַרק געהיט!" האָט אים אַריינגעשלאָגן אַ סיגנאַל אין קאָפּ און ער האָט אָן ספק באַשלאָסן: היינט וועט ער ניט אַרויסגיין. אין זיין פּאַרטוענקייט מיט איבערפּאַרבן זיין מאַסקע, האָט ער לכתחילה קיין אַכט ניט געלייגט אויף די נייעס, נאָר די ידיעה אַז אַ גרופּע "פּליכטלינגען" פון טשעכאָסלאָוואַקיע איז אַריבערגעלאָפן די גרענעץ פון בייערן און איז אין גאַנג צו מינכען, האָט אים מיט אַזאַ אימפּאַקט אַ שליידער געטאָן, אַז ער האָט אין גאַנצן אויפגעציטערט. און נאָך מער אויפגעטרייסלט האָט אים דער קאָמענטאַר, אַז דאָס איז אַ מיליטאַנטישע פאָרמאַציע פון געוועזענע פּאַרטיזאַנער, וואָס קומען אויסשפּיאָנירן און דעמאַסקירן נאַצי־פּאַרברעכער און וועלן האַנדלען אָן רחמנות. "יודען!" האָט אים אַ וואָרענונג אַ טראַסק געטאָן אין האַרצן און ער איז אויפגעשפּרונגען אין שרעק פון טואַלעט־טישל. ווער ווייס אויף וואָס פאַר אַ וועג דאָס אומגליק קלייבט זיך צו דיר אין שטוב אַריין? האָט אים די פראַגע אַ ברי געטאָן און מער ניט געלאָזט צו רו. מיט אַ מאָל האָט ער פאַרגעסן אָן זוניקן דרויסן און זיין ווילן אַרויסצופאָרן אויפן טאָג פון שטאָט, ווי די אַלע אַנדערע וואָס פילן אָן די צוגן. איצט איז נאָך געקומען פון ראַדיאָ אַ לעצטע ידיעה וועגן אַן אויפגעדעקטן מאַסן־קבר ערגעץ אין אַ קאַצעט, און אַ קלענערער קבר פון קאַצעטלער, וואָס זענען צעשאָסן געוואָרן אין זייער מאַרש פון דאַכאַו דורך די עסעס־פּאָסטנס גאָר קורץ פאַר דער קאַפּיטולאַציע. די נייעס האָט אים געזשומט אין קאָפּ אַ לענגערע ווײַלע און געשטאָכן ווי אַ שוואָרעם ווילדע בינען.

ער האָט זיך געזעצט אויף דער סאָפע און אויסגעשטרעקט זיין האַנט הינטערן ווענטל. זיינע פינגער האָבן דערטאַפּט די פלאַש קאָניאַק, וואָס איז דאָרטן תמיד געשטאַנען גרייט אויף צו באַרויקן די נערוון. ער האָט עטלעכע היפּשע שלוקן געטאָן און אַ פּאָר מינוט געבליבן זיצן פאַרשטאַרט עס זאָל נעמען ווירקן. עס האָט געווירקט. הער בייער האָט זיך דערפילט מוטיק און דרייסט. "אַ קליינער קבר", האָט ער אין זיך אַריינגעשמייכלט, "עס טאָר פון דעם קיין שפּור ניט בלייבן"... לאַנג שוין טראַכט ער פון אים פּטור צו ווערן. אויף גיך האָט ער אויסגעטאָן דעם ביירישן פאָלקסטראַכט און געבליבן אין קורצע ספּאָרטהייזלעך. אַ נישטער געטאָן אין קליידערשאַנק, אַרויסגעשלעפּט אַן אַרבעטס־כאַלאַט און אים אָנגעטאָן. נאָך דעם האָט ער צוגעמאַכט דעם פענצטער און פאַרצויגן די פאָרטיערן אַזוי, אַז קיין שפּאַרונקעלע פון דרויסן האָט ניט אַריינגעבלינקלט. ניט איינשליסנדיק דאָס עלעקטרישע ליכט איז ער אַרויס, מיט דער נאָך כמעט פולער פלאַש, אין טונקעלן קאָרידאָר און צוגעשלאָסן די דרויסנטיר. געעפנט די קעלערטיר און אַראָפּגעשטיגן. ער האָט גוט פאַרריגלט דעם אינעווייניקסטן אייזערנעם לאָדן איבערן פענצטערל, אַ דריק אויפן קנעפּל און ער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער אין ליכט־פאַרגאָסענעם קעלערווים.

שוין לאַנג איז ער דאָ ניט געווען. זינט יענעם אָוונט, ווען ס'איז אים פאָרגעקומען צו האָבן געהערט אַ מין שאָרכן ווי פון אַוועקשלייכנדיקע גייסטער. און כאָטש ער האָט ניט געגלייבט, אַז טויטע קענען אים שלעכטס טאָן, איז ער אָבער די גאַנצע צייט מער ניט

אַראָפּגעקומען אין קעלער. און איצט איז ווידער אים באַפֿאַלן אַן אומהיימלעך געפֿיל ווי דעמאָלט און ער האָט שוין געוואָלט אַנטלויפֿן.

"אָ, נאַרישקייטן!... ווי קומט עס צו דיר, הער בייער?..." האָט ער געפּרוווט אויפֿן קול אַ לאַך טאָן, כּדי צו פֿאַרטרייבן דעם בייזן אומעט וואָס האָט אָנגעווייט אויף אים. און גיך האָט ער אויפֿגעפּראָפּט די פֿלאַש און אַראָפּגעגאָרגלט עטלעכע גרויסע זופּן. קאָניאַק, האָט ער געוווסט, איז אַן אויסגעפּרוווט מיטל פֿאַר זיין געמיט־צושטאַנד. אַ ווײַלע שפּעטער איז אים געוואָרן היימלעך און וואַרעם אין אַלע גלידער. איצט האָט ער שוין געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן. דורך טעג און נעכט האָט ער עס פּלאַנירט. און אַלץ איז נאָך געשטאַנען אין ווינקל, ווי ער האָט עס ס'לעצטע מאָל איבערגלאָזט, ווען ער איז פֿון דאָ אין שרעק אַנטלאָפֿן. דער בראָכשטאַנג און דער רידל ביי דער וואַנט, און דער רוקזאַק הענגט אויפֿן טשוואָק אין דער טיר. אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט די אַלע זאַכן, ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן צי אַ האַנט האָט זיי געריהרט. ער האָט גענומען דעם לאָם, אַ טראָט געטאָן צום מיטן פֿון ערדדיל און מיטן שפּיץ אַרויסגעגראַבלט אַ ביסל ערד. ער האָט דערזען ס'דינע שפּעלטעלע, זיין סימן אַז דאָ איז עס.

אַ צופֿרידענער האָט ער מיט שוווּנג אַריינגעהאַקט דעם לאָם, מיטן ברוסט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים און אַ דריק געטאָן מיט כּוח, אַ פּירקאַנטיקע פּלאַטע האָט זיך אַ ריר געטאָן, האָט ער אַרונטערגעשטעקט די פֿינגער, זי אַרויסגעהייבן און אַוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט, האָט גענומען דעם רידל און אָנגעהויבן גראָבן אויף דעם אָרט. ער דאַרף אַרויסגראָבן דעם שיכט זשוויר און שטיינדלעך, וועט עס שוין קומען... האָט ער געטראַכט. ווען ער איז שוין געווען כּמעט ביז צו די קני אין דער טיף, איז ער אַרויס פֿון גרוב און אַראָפּגענומען פֿון טשוואָק דעם ברעזענטענעם מיליטערישן רוקזאַק. ער האָט אים ברייט פֿונאַנדערגעעפֿנט און אַוועקגעשטעלט אויפֿן גלאַטן ברעג פֿון דער גרוב. נאָך עטלעכע לאָפּעטעס אַרויסוואַרפֿן און... האָט ער געטראַכט. ער האָט ווידער אַ פּאָר זופּן געטאָן. יע, די ביינער וועט מען מוזן פֿאָרזיכטיק באַשטאַטן. די טרוקענע און קלענערע אפֿשר פֿאַרברענען... ער האָט זיך ווידער גענומען צום גראָבן, און מיט יעדן אַרויסגעוואָרפֿענעם רידל ערד איז ער אַלץ מער אומגעדולדיקער און נערוועזער געוואָרן. ניין, אַזוי טיף קען עס ניט זיין, האָט ער געטראַכט, שוין גראָבנדיק פֿאַמעלעכער. מיט אַ מאָל האָט אַ צעפֿוילטע שמאַטע זיך שטומפּ אַריינגעביסן אין שאַרף פֿון רידל. הער בייער איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון שימחה: "איך האָב עס, אָט דאָ..." האָט ער אויף אַ קול געזאָגט, ווי ער וואָלט געפֿונען אַן אוצר.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט די ברודיק־פֿייכטע שמאַטע פֿון דער קלעפּיקער ערד, און אונטער איר האָבן זיך געוויעט גלאַנציק־געלע פּעטע ווערעם. ווו זענען די ביינער? האָט ער זיך געפֿרעגט, און פֿאַרצווייפֿלט האָט ער גענומען זוכן צווישן די שטיינדלעך. ער האָט זיי אַפֿילו געקלאַפּט איינס אָן אַנדערן, ווי אַן עקספּערט וואָס פּרוווט דעם קלאַנג פֿון מעטאַלן. אָבער ניט צו געפֿינען אַן איינציק מינדסט ביינדל. און הער בייער האָט דערפֿילט אַ שווינדל אין קאָפּ. אפֿשר האָב איך צו פֿיל געטרונקען, האָט ער געטראַכט, און מיט אימפּעט, ווי משוגע, האָט ער אָנגעהויבן גראָבן אין דער טיף. ער איז שוין געווען ביזן האַלדז אין גרוב. פּלוצעם האָט זיך אים געדוכט, אַז ער האָט געהערט אַ שאָרך, ווי דעמצמאָל. ער האָט אָנגעשטעלט אַן אויער: ס'איז געקומען פֿון דער וואַנט אונטערן קעלער־פֿענצטערל. האַסטיק האָט ער געפּרוווט אַרויסקריכן פֿון גרוב, אָבער די פֿיס זענען אים געווען ווי געליימט. אונטער זיי האָט עמעצער געגראַבלט און זיינע

קניען האָבן זיך געטרייסלט, און ער האָט אין דער שטילקייט געהערט זייער געפּייקל...

אַז ער האָט זיך שוין געהאַט באַרויקט, איז אים פּלוצלינג איינגעפאַלן: אפשר איז דאָ עמעץ געווען? און ער איז צוגעשפּרונגען צו דער וואַנט, אויף גיך אַרויסגענומען עטלעכע ציגל, הינטער וועלכע ס'איז געווען אַ טירעלע. ער האָט עס אויפגעעפנט און ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ לעגענדאַרער אוצר. אין דער לאָך זענען געווען אָנגעשטאָפּט אוירינגען און בראַסלעטן, זייגערס און רינגען, מיט דימענטן און איידל שטיינער און אַ גאַנצע קופּע צעקנייטשטע גאָלדענע ציין. אויף זיי איז געלעגן, ווי אַ שוידערלעכע קמיע, אַ בלישטשעדיק שוואַרצער רעוואָלווער. ער האָט דעם רעוואָלווער צו זיך אין קעשענע אַריינגעלייגט און ווי אין אַ טראַנס צו זיך געפּליסטערט: דאָס איז אומגלייבלעך. קיינער איז דאָ ניט געווען און די ביינער האָבן פון זיך אַליין ניט געקענט פאַרשווינדן. אַזאַ זאַך קען דאָך ניט פּאַסירן! מיטן האַנטפלאַך האָט ער אַראָפּגעווישט פון שטערן דעם שוויים און געפילט אַ קאַלטן שוידער איבערן רוקן. אָט־אָט וועט ער גאָר אויפשרייען. משוגע ווערן און אַרויסלויפן אין גאַס. ער מוז צוימען זיינע נערוון. קאָניאַק!... די פראַגע פון די פאַרשווונדענע ביינער האָט געפיבערט אין זיין מוח מיט שרעק, ער האָט אַ נעם געטאָן פון ערגעץ אַ ווינקל אַ לאַמטערן, מיט ציטעריקע פינגער אָנגעצונדן דעם קנויט און אַראָפּגעגליטשט זיך אין גרוב. אין בלאַסן שיין האָט ער אַרומגעשאַרט מיט ביידע הענט און באַקוקט יעדעס שטיינדעלע... אַזוי אַרומנישטערנדיק האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דעמאָלט, בעתן אַנטלויפן, איז אין רוקזאַק געבליבן כמעט אַ פולע פלאַש קאָניאַק. איצט וועט עס אים צו נוץ קומען. האָט ער געטראַכט.

ער האָט זיך אויפגשטעלט, אַרויסגעשטעקט אַ האַנט און דערגרייכט די פלאַש. ער האָט געשלונגען פולע זופּן קאָניאַק, ווי אַ דאָרשטיקער אין מידבר זופּט וואַסער פון לאָגל. די פלאַש איז שוין געווען טרוקן ביז צום דנאָ, און הער בייער ווידער אָנגעפילט מיט מונטערקייט און קראַפט. די שרעק האָט אין גאַנצן נאָכגעלאָזט און רויק האָט ער געטראַכט: אַבי קיינער ווייס ניט וועגן מיר. און די הויפּטזאַך, זיין געהיט ביז די ריכטיקע צייט פאַר מיר וועט קומען. דער ווילן ווייטער צו זוכן איז אים פאַרגאַנגען.

ער האָט דערשפּירט ווי דאָס שיכּרות שטייגט אים צום קאָפּ און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דעק פון גרוב. דאָ איז קיל, כ'וועל זיך אַ ביסל אָפּרוען און ניכטער ווערן, האָט ער געטראַכט. אַן אָפּהענטיקייט האָט אים באַהערשט און אַ געדאַנק איז פויל אָנגעקראָכן: נאָך דעם וועל איך אַלץ מאַכן בסדר און גיין... הינטער זיין קאָפּ איז געשטאַנען דער לאַמטער און געוואָרפן אויף זיין פּנים אַ געל טריבן שיין. און ער האָט אויסגעזען ווי אַ מת וואָס מע האָט אים נאָך ניט פאַרשאָטן מיט ערד...

הער בייער האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן און פאַרציטערט געבויערט זיין בליק אין דעם טונקלעניש. אויפן ראַנד פון גרוב איז געשטאַנען דער ייד מיט די אייטערדיקע ווונדן אויף די פיס. ער האָט געשלעפּט אויף זיך די פאַרפוילטע שמאַטעס, וואָס זענען אַ מאָל געווען זיינע הויזן. מיט ברענענדיק שוואַרצע אויגן, ווי קוילן, האָט ער צו אים אין גרוב אַריינגעקוקט. ער האָט אָן גערויש אַ באָמבל געטאָן מיט צוויי דאַרע, לאַנגע הענט, ווי שטעקנעס, און מיט די אַרויסשטאַרטשענדיקע ציינער אין די קינבאַקן פון זיין שאַרבן האָט ער צעקלאַפּערט אַ גרויל־געלעכטער: "זיך געביטן מיט די פּאָזיציעס, ווי ס'געהער צו זיין. און איר פּאַסט זיך גוט אַריין אין אייער אויסגעמייסטערטער גרוב, ווי אָנגעמאָסטן..." הער בייער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און ניט געקאָנט. ער האָט

געדענקט, אַז ביי אים אין קעשענע ליגט אַ רעוואָלווער. אַזאַ שיס־מאַשינקע האָט תמיד אויף דעם אויסדערוויילטן פאָלק אַרויפגעוואָרפן אַ טויט־פּחד. ער האָט נאָר געדאַרפט אַ פּאָך טאָן מיט זיין רעוואָלווער קעגן זיי און שוין זענען זיי געלאָפן ווי צעשראָקענע האָזן. אָט די ספּעקטאַקלען האָבן אים און זיינע לייט אַמוזירט. אָבער איצט איז הער בייער געלעגן אין גרוב מיט געפּענטעטע פיס און ער האָט די הענט ניט געקאָנט באַוועגן.

דער ייד האָט נאָך אַלץ געצויגן די טראַנטעס אויף זיינע סקעלעטישע פיס און מיט אַ מעטאַלענעם קול געזאָגט: "דאָ די הויזן פאַרגעסן, הער אָבערשטורמפירער מייער". פון גרוב אַרויס איז געקומען אַ געשריי: "איך בין ניט אָבערשטורמפירער מייער, פאַרשטאַנען?!" און געלאַסענער שוין צוגעגעבן: "איך בין רודאָלף־האַנס בייער!" דער אויסגעטריקנטער ייד האָט רויק געענטפערט: "מיר קענען זיך שוין צו גוט אויף די קונצן. צו פיל טירחה האָסטו דערביי ניט געהאַט, מער ניט איין־און־איינציקן אות איבערמאַכן. אָבער וואָס איז דער חילוק, אָבערשטורמפירער מייער אָדער הער בייער, איז עס דאָך סיי ווי איין און די זעלבע פּערזאָן". ווי הער בייער וואָלט די רייד ניט געהערט, האָט ער געטענהט: "איך בין דאָך פאָרט הער בייער און מע טאָר מיך ניט פאַרמישן מיט אַ צווייטן". דער ייד האָט געלאַכט אויף אַ קול, אַזש די גרוב האָט זיך געטרייסלט.

אַז ס'איז שטיל געוואָרן האָט הער בייער זיך פאַרטיידיקט: "איך בין אומשולדיק. כ'בין דאָרטן ניט געווען". דער נאַקעטער סקעלעט האָט נאָך הילכיקער געלאַכט: "ניט געווען דאָרטן, האַ? דו מיט דיין גאַנצער קרימינעלער באַנדע אין איין פּיזמון: דאָרטן ניט געווען. אָבער איך געדענק דיך נאָך פון דעמאָלט. איז ווי קען עס אַ לעבעדיקער עסעסניק, אָבערשטורמפירער מייער ניט זיין? דו ביסט יע געווען! איך ווייס!" און ער האָט מיט אַ ביינעריק־דראָענדיקן פינגער אַ בויער געטאָן אים אין פּנים, אין גרוב אַריין. הער בייער האָט געטראַכט: ער ווייס אַלץ, איצט איז אויס מיט דער באַהעלטעניש... איך מוז ריזיקירן. און ער האָט געפרעגט: "וועסטו מיר אַרויסגעבן? ס'איז דאָך באַלד ווי פאַרראַט". דער סקעלעט האָט ווידער געלאַכט: "פאַרראַטן אַ מאַסן־מערדער! אַפילו די נייע דעמאָקראַטיע וועט דאָך לאַכן אין די הויפנס. און במילא קען דיר די גאַנצע וועלט..." הער בייער האָט אויסגערופן: "מיך קען מען ווי אַ גוטן בירגער און אַ פלייסיקן באַאַמטן. מיין שעף ווייס אַז כ'פיר דעם אַרכיוו מיט דער פּינקטלעכסטער אָרדענונג." דער סקעלעט האָט אַ פינצטערן שמייכל געטאָן און אַ צי געטאָן די שמאַטעס אויף די ביינער, ווי ער וואָלט זיי געהאַלטן ביים פאַרלירן: "יע, די דאָקומענטן פון אָבערשטורמפירער מייער האָסטו שוין לאַנג ליקווידירט, איז שוין פאַר דיר אַלץ אין אָרדענונג. אָבער מיט דיין ליגנעריש־מערדערישן געוויסן איז ניטאָ וואָס זיך אויסצוטענהן. איצט וועל איך גיין צו דער פּאָליציי..."

הער בייער האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט: "פּאָליציי קען מיר ווי אַן ערלעכן מאַן. איך בין אַ מיטגליד אין קלוב פון דייטשישע פּרייוויליקע פּאָליציי־אינספּעקטאָרן און דער שטאָטשעף, אַן אונדזעריקער, ווייס די ליידן פון די דייטשישע פליכטלינגע פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ער וועט עדות זאָגן פאַר מיר". "אויב אַזוי ביסטו דאָך אויף זיכער אָבערשטורמפירער מייער, קאָמענדאַנט פון קאַצעט מאָרדלאַנד, דאָרטן", האָט דער סקעלעט אַראָפּגעשריען צו אים, אין גרוב. "כ'וועל דיין מאַסקע מיט די שוואַרצע וואָנצעס אַראָפּרייסן און וועסט אַרויסקומען נאַטירלעך, בלאָנד, ווי איך קען דיך!" און

זיינע אויגן האָבן געגליט. הער בייער איז געלעגן אַ צעטומלטער און געטראַכט, אַז ס'האָט קיין זינען ניט זיך צו פאַרטיידיקן. ער האָט מער קיין ספק ניט געהאַט, אַז דער יידסקעלעט, אויפן ראַנד פון גרוב, קען זיין געשיכטע צו גוט. הונדערטער, אָט ווי דער דאָ, האָבן דאָך געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט זיין רעוואָלווער און געדענקען אים. אָבער ער האָט באַשלאָסן אַרויסוואַרפן נאָך איין קאָרט, אפשר וועט זי זיין מזלדיק: "און איך בין דער פרעזידענט פון די הויז־באַזיצער אין דעם באַצירק. דאָס איז אַ געַנוג ערנהאַפטער שטאַנד, פאַרשטייסט?" דער סקעלעט האָט זיך ווידער הילכיק צעלאַכט: "הויזבאַזיצער! וויל איך דיר דערמאָנען, הער פרעזידענט, ווי דו האָסט נאָך דער שרעקלעכער באָמבאַרדירונג פון די אַמעריקאַנער פייערשפייערס, אונדזער גרופּע אויף דער נאָך רייכערדיקער חורבה געבראַכט און אונדז אין אָט דעם קעלער צעשאָסן, און דאָ האָסטו פאַרבאַהאַלטן דיין צונויפגערויבט פאַרמעגן. נאָך דעם אויף אונדזער קבר אויפגעשטעלט אַ הויז און איבערגעבוירן געוואָרן צו אַ פרעזידענט פון הויז־באַזיצערס. איצט וועל איך אויפהייבן דעם פאָרהאַנג.." הער בייער האָט געפּרוווט מאַכן דעם לעצטן אָנבאָט, וואָס ער האָט געמיינט, אַז קיינער פון דער "יודענראַסע" וועט עס ניט צוריקווייזן: "דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ באַרג מיט גאָלד און טייערע שטיינער – איז לאָמיר זיך טיילן..." דער סקעלעט האָט אים מיט כעס איבערגעריסן: "שטום ווער, מערדער פון מיין פאָלק! מיר ווילסטו פאַרהאַנדלען דעם מאָרדרויב אויף ווידערגוטמאַכן דיין פאַרברעכן. דיין גאַנץ אַרישע הערנפאָלקראַסע וועט אייביק ניט קענען זיך אויסצאָלן פאַרן בלוט פון אונדזערע מיליאָנען קרבנות". "וועל איך דאָ אין גרוב ליגן בלייבן..." האָט הער בייער געזאָגט מיט אַ רעזיגנירט ציטעריקער שטים, און ער האָט געפילט ווי ער באָדט זיך אין אַ קאַלטן שווייס. "דאָ וועט מיר קיינער פון דיינע ניט געפינען..." "דאָ אין גרוב מעגסטו בלייבן. הער אָבערשטורמפירער מייער. דאָ איז פאַר דיר דער בעסט צוגעפּאַסטער אָרט. דיינע לאָקאַטאָרן־שכנים, וואָס דו האָסט צעשאָסן, זענען שוין סיוּוי פון דאָ אַוועק. און מיינע הויזן לאָז איך דיר איבער, מיט מיין קללה. קענסט זיי ביידע זיך אָנמעסטן..." און דער סקעלעט האָט אַראָפּגעפליקט די שמאַטעס פון זיינע ביינער און געבליבן שטיין מיט אייטעריק־אָפענע ווונדן. און ער האָט אַריינגעשליידערט די טראַנטעס אין גרוב. הער בייער האָט געמורמלט: "פערפלוכטער יודע..." דער סקעלעט האָט אויסגעצויגן אַ לאַנגע האַנט, מיט בייניקע פינגער, ווי אַ ווידלע, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שוואַרצער שנור וואָס ציט זיך פון הימל, שניידט דורך דעם דאַך און קומט אַריין אין גרוב. די לאַמטערנע, וואָס האָט געוואָרפן אַ געל־מאַטע שיין אויפן פנים פון הער בייער, האָט זיך מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן, און די גרוב איז אַראָפּגעזונקען אין אַ שוואַרצן תהום.

פיניע פּלאָטקין

# לעבן פּענצטערל

אַ טרוקענער שניי אויף דעם ערד־קיילעך פאַלט -
דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זאַווערוכע.
אַ ווינט אין מיין פענצטערל אומעטיק קלאַפּט
אָן אַן אויפהער, אָן אַן אויפהער.

מיר אַנטקעגן, פון ווייטן, אַ לעמפּעלע לויכט,
וואָס וועט זיך פאַרלעשן באַגינען.
ס׳פליען קאָמטשעס אַ סך, ווי אייזקרעם, ניט הויך
פון די צענדליקער שניי־לאַווינעס.

דעם ווינט איז, ווי אַלעמען, האָרעווען שווער,
אָן אַרבעט אַרומגיין - ניט גרינגער...
איך וועל ניט אַוועקגיין פון פענצטער, ביז ער
וועט אויפהערן דרייען זיך, שפּרינגען.

דערנאָך, סוף־כּל־סוף, ווען דער שניי וועט צעגיין,
אין חדשים אַרום, אָדער פריער,
וועל איך, ווי כּסדר, לעם פענצטערל שטיין
און קוקן ווי ס׳הויבט אָן שאַריען.

דערווייל, אין דער צייט, ווען עס הוליעט אַ ווינט,
און פרעסט, ווי פאַרכּישופטע, שטייען,
ווילט זיך הערן, ווי רויק אַ פידעלע שפּילט
און באַגייסטערט, טראָץ אַלע זאַווייעס.

יאַנואַר, 1992, באָברויסק

# פון אַ מאָל

די זון פרי אַ שפּעלטל געפינט -
דעם צימער באַלויכט,
די באָבעניו שטייט אויף די פיס,
דער זיידעניו - אויך.

ניט גיך אַ געדיכטער רויך
דעם קוימען פאַרשטאָפּט.
שוין קאָכט זיך אין אויוון אַ יויך
און קאַרטאָפל אַ טאָפּ.

אַ ווינט שלעפּט אַ בויגן פּאַפּיר
אויפן הויף, פון דער פּרעמד,
די באָבעניו עפנט די טיר
דאָס פענצטערל - ער.

אַלץ העכער ער קלעטערט אַרויף
און צעשפּליטערט דעם רויך.
שוין פאַרטיק געוואָרן דער סוף,
דער טאָפּ מיט קאַרטאָפל - אויך.

לעם גאַניק אַ הינטעלע שרייט -
עס בעט זיך אַריינגיין אין שטוב,
די גאָלדענע זון ניט געאיילט
גייט אַוועק, ווידער קומט.

זי רייסט זיך אַריין ניט געהיים
אין סאָד, אָן פּאַרדראָס -
דאָרט ביטער אָן איווע ווײנט -
איך ווייס ניט פאַרוואָס.

דער איווע איז, קענטיק, ניט גרינג
טיף איינזאַפּן זיך אין דער צייט,

אַן אָרעמע ווערבע לעם איר
נידעריק בייגט זיך, שווייגט.

אַזוי פון דער פרי ביז פאַרנאַכט,
ביז אַרום־און־אַרום ווערט שטיל.
די באָבע דעם קוימען פאַרמאַכט,
דער זיידע גייט דאַוונען אין שיל.

מאַי, 2000

## נישט איינזאַם, נישט עלנט

כ׳בין, אמת, נישט איינער אַליין -
נישט אין דער פרעמד,
נישט אין דער היים,
נישט אין מיין שטוב,
נישט אויפן גאַס,
נישט ווי אַ קרוב,
נישט ווי אַ גאַסט.
איך בין, פשוט, געבליבן,
ווי ס׳פירט זיך ביי אונדז,
סיי אונטער דעם הימל,

סיי אונטער דער זון.
ס׳איז מיר ענג, לויט די יאָרן
כ׳בין נישט שטאַרק, ווי געווען...
איך בין מיד,
איך בין אָרים
ווי אַ ווערבע לעם וועג,
וועמעס בעסטע פאַרלאַנגען
קיינער נעמט נישט אין אַכט -
כאָטש ווייַן זיך פונאַנדער,
אָדער לייג זיך און לאַך.

10 מערץ, 2000, סאַנטאַ מאָניקאַ

## קערט מיר אום מיין יוגנט

כ׳וועל דער ערד זיך בוקן -
לויבן אירע מעלות.
קערט מיר אום מיין יוגנט
כאָטשבי אויף אַ ווײַלע.

זי איז אונדזער צוקונפט,
אונדזער פרייד און וווּנדער...
קערט מיר אום מיין יוגנט
כאָטש אויף פינף סעקונדעס.

ווער האָט רעכט זיך פרוּוון
מיך מיט איר צעשיידן!

קערט מיר אום מיין יוגנט,
קערט מיר אום מיין אייגנס.

כ׳בין ניט רייך, ניט אָרים -
כ׳וועל קיין הילף ניט בעטן...
כ׳וויל דערזען אין חלום
אונדזער שטאָט און שטעטל.

זי, די שטילע בענקשאַפט,
אָפּטמאָל האַלט מיך אונטער.
קערט מיר אום די שיינהייט
כאָטש אויף פינף סעקונדעט.

מאַרץ 2000, סאַנטאַ מאָניקאַ

מרים קאָראַל*

# ווילניוס/ווילנע, 1941/1998

זי פּאַרט, ניט קוקנדיק אויף אירע ירושהדיקע אָדער צוגעאייגנטע פּחדים אַנטיילצונעמען אין אַ פּראָגראַם וואָס איז איינגעצעטערט אַרום איר געוועזענעם אומעטומיקן מאַמע־לשון, יידיש, אין אַן אָרט ווו מ'האָט עס כּמעט ניט געהערט אין 55 יאָר. זעקס און זיבעציק מענטשן פון יעדער עלטער און פון אַרום דער גאַנצער וועלט קומען זיך צונויף כּדי לערענען די אַלטע און אידיאָסינקראַטישע שפּראַך מיט אַ גרופּע לערערס, פון וועלכע זי איז איינע.

אַ דיבוק האָט זיך אַריינגעגנבעט אין חוהן קורץ נאָך איר אָנקומען אין ווילנע. ענלעך צו חוהן, איז זי, דער דיבוק, געווען אַ שניידערס טאָכטער, אָבער זי איז געווען מיט אַ צען יאָר ייִנגער פון חוהן. חוה איז אויפגעוואַקסן די אומגערנדיקע היטערין פון יידיש, און האָט איר לעבן געלעבט אין און אויסן קאָפּ אויף ענגליש; די פרעמדע נשמה פון אַ פאַרגאַנגענער ווילנער פרוי האָט גערעדט, געטראַכט, געטרונקען, געוויינט, געשריגן -- נאָר אויף יידיש. זי איז געווען אַ געניטע און פעיקע לערערין פון יידיש, אַן אָנהייבנדיקע דיכטערין, און זי איז געווען אָפן סענסועל און ליידנשאַפטלעך. געשען איז עס אַזוי:

די יידיש־פּראָגראַם האָט חוהן באַזאָרגט מיט אַ רעמאָנטירטער דירה אין ווילנער אַלטשטאָט. חוה האָט זיך דערוווּסט נאָך עטלעכע שאלות, אַז זי געפינט זיך אין געוועזענעם הויפּט ווילנער געטאָ. צום ערשטן ערב שבת, האָט חוה געטראַכט, אַז צו מאַכן היימישער די שטוב וואָלט כּדאַי געווען אָנצוצינדן שבת־ליכט. פאָכנדיק מיט די הענט איבער די שבת־ליכט אין דער אַלטער תנועה וואָס קומט פאַרן בענטשן, האָט זי באַמערקט ווי אויף די מעבל און ווענט פלאַטערטן שאָטנס ווי פליגל. אַזוי ווי זי האָט באַדעקט אירע אויגן און אַרויסגערעדט די אוראַלטע ווערטער, "ברוך אתה אדוני..." האָט זי געהאַט דעם מאָדנעם געפיל, אַז מ'קוקט זיך צו צו איר. ס'האָט זיך געפילט עפּעס לייטזעליק, אַזוי ווי די וואָס קוקן זיך צו זענען די גייסטער פון די באָבעס, כּלהס, און מאַמעס, וואָס פלעגן מאַכן יעדע וואָך די זעלבע ברכה אין ווילנער געטאָ. זייערע לעצטע ליידן האָבן זיי אַוודאי דאָ געליטן, האָט חוה געטראַכט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז דורך אירע ברכות טיילן זיי זיך, קוים מיט צרות, אָפּ פון אייגאַנדער. און אין פונקט דער מינוט האָט דער דיבוק, אָנשטאָט אָוועקפליען אין יענער וועלט, באַשלאָסן זיך צו באַנוצן מיט דעם שיין־פּראָפּאָרציאָנעלן קערפּער, ניט וויסנדיק אַז חוה, וועלכע איז אויפגעוואַקסן אין לאָס־אַנדזשעלעס, איז פּאַקטיש אַ גאַליציאַנערקע.

איידער חוה האָט נאָך באַמערקט, אַז זי איז באַזעסן, האָט זי גורם געווען, אַז וויזיעס זאָלן זיך אַריינרייסן אין חוהס מוח. ווען זי האָט אַראָפּגעקוקט פון פענצטער פון אַ קאָלעגעס "פּענטהויז" דירה, איז דער הויף פלוצעם געוואָרן פאַרפולט מיט אָפּגעריסענע, ציטערנדיקע מענטשן, וועמענס שוויס־באַדעקטע פּנימער האָבן געמיניעט אונטער די שאָטנס פון באַגנעטן אין די הענט פון קרעפּטיקע מאַנסבילן אין שוואַרצע אוניפאָרמען.

---

*) מרים קאָראַל איז אַ יונגע דיכטערין און יידיש־לערערין. איר מעשה "ווילניוס־ווילנע - 1941/1998" איז פאַריקן יאָר פּרעמירט געוואָרן דורך דער "דאָרע טייטלבוים־פונדאַציע" און איז דערשינען אויף ענגליש אין זשורנאַל "פאָקנטרעגער", זומער, 2000. מיר ברענגען די מעשה מיט קליינע קירצונגען.
רעד.

אין אַ פֿאַרהאָוועטער גאַס אין פּאַרנט פֿון די גילדענע בויגנס פֿון אַ מאַקדאָנעלדס, האָט אַ לייוונט־באַדעקטער לאַסט־אויטאָ מיט אַ גרויסן האַקנקרייץ זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ טראָליי, און די זעלביקע שוואַרצע אוניפֿאָרמען האָבן סיסטעמאַטיש אַריינגעשליידערט אַהין געבונדענע, טונקל־אויגיקע יונגע מענער. בעת חוה האָט געשמועסט מיט אירע תּלמידים אינעם הויפּט־הויף פֿון אוניווערסיטעט, האָט מען יונגע יידישע פֿרויען אַרויסגעוואָרפֿן פֿון די העכערע פֿענצטערס, זייערע גוואַלד־געשרייען זענען פּלוצעם פֿאַרשטילט געוואָרן ווען זיי זענען געפֿאַלן אויפֿן ברוק.

יעדעס מאָל האָט חוה צוגעמאַכט די אויגן פֿון שוידער, און ווען זי האָט ווידער אַ קוק געטאָן, איז דער הויף פֿון דער דירה ווידער געשטאַנען ליידיק, חוץ די ליפּעביימער און פֿאַרלאָזטע קוסטן. נייע פּאַסאַזשירן, האַלטנדיק "ביג מאַקס", זענען געשטאַנען אין ריי פֿאַרן קומענדיקן טראָליי. אירע תּלמידים האָבן געגעבן די לעצטע ציען פֿון זייערע ציגאַרעטן איידער זיי האָבן אַוועקגעאײַלט צו זייערע נאָענטסטע קלאַסן.

חוה האָט געוויינטלעך ניט געהאַט קיין ריכטונגס־חוש און האָט געקאָנט פֿאַרלוירן ווערן אין איר אייגענער געגנט אין דער היים אין לאָס־אַנדזשעלעס. די גאַסן און שטעגן אין דער אַלטער ווילנע זענען ניט געווען פּאַראַלעל און ניט אַפֿילו לאָגיש. פֿון דעסטוועגן, איבערנאַכט, האָט זי זיך אויסגעלערנט נאַוויגירן ווי אַ דאָ־געבוירענע. זי האָט זיך באַנוצט מיט הויפֿן אַלס דורכשניטן, געשפּאַנט פֿון איינעם צום צווייטן מיט דער זעלביקער שטיפֿערישער פֿרייד, און זיך פֿאָרגעשטעלט, וואָס עס האָבן געפֿילט צענדליקער יידישע קינדער, ליבהאָבערס, אָדער וואַסער־טרעגערס. זי האָט אויפֿגעהערט צו זען די פֿאַרקירטע אויטאָס מיט זייערע אַלאַרמס וואָס האָבן געקוויטשעט יעדע נאַכט, און האָט נאָר באַמערקט די נוס־ביימער און גרעטשטריק, די שפּרינגענדיקע קעצעלך.

פֿון צייט צו צייט האָט זי אויך געכאַפּט אַ בליק פֿון דעם בלוי־אויגיקן פּאָעט־גייסט פֿון אירע חלומות, דער עק פֿון זיין מאַנטל צעפֿלאַטערט, זיין לאַנגער ווייסער שאַל ווי אַ דראַמאַטישע און עלעגאַנטע אינטערפּונקציע. חוה איז גערירט געוואָרן פֿון אַ בענקשאַפֿט וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געפֿילט.

ס'איז אויך געווען חידושדיק וואָס חוהן, אַ רעלאַטיוו ניט געניטער לערערין, זענען אָנגעקומען אָן שוועריקייטן אַלע אירע קלאַסן, און איר יידיש איז געווען מיט אַ פּערפֿעקט ליטווישן דיאַלעקט! איין אינדערפֿרי, למשל, האָט זי אָנגעפֿאַנגען איר אַוואַנסירטן קלאַס מיט אַן אינספּיראַציע פֿון איינע פֿון אירע וואַכעדיקע ווייסע נעכט. זי האָט יעדן געבעטן צו באַשרייבן נאָך וואָס זיי בענקען. די ענטפֿערס זענען געווען אַזוי פֿאַרשיידן ווי די יחידים: בענקשאַפֿט נאָך קינדער, אייניקלעך, דער אַלטער היים. אַ ניינצן־יעריקע פֿרוי פֿון ווילנע, אַ שיינע און טאַלאַנטירטע זינגערין, לאה, האָט באַשריבן איר בענקשאַפֿט צו אַלע פֿריינד וואָס האָבן לעצטנס עמיגרירט קיין ישׂראל. אַ סטודענט פֿון ניו־יאָרק האָט דערציילט וועגן זיין בענקען צו זיין קאַץ; און אַן אַמעריקאַנער וואָס וווינט אין דער שווייץ האָט געבענקט נאָך זיין אייגענער קיך. ס'זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס האָבן געבענקט נאָך שלאָף, צוליב דעם וואָס די אומעטומיקע רעמאָנטיר־מאַנשאַפֿטן, וואָס הייבן אָן זייער אַרבעט זעקס אַ זייגער אין דער פֿרי, האָבן געבראַכט מיט זייער טראַסקעריי צו אַ קומולאַטיוו אָפּקומעניש.

דער אינטימער געשפּרעך וועגן בענקשאַפֿט האָט אַריינגעפֿירט דעם קלאַס אין אַ פּאַסיקער שטימונג צו דיסקוטירן די פּאָעזיע פֿון רחל קאָרן. זיי האָבן געלייענט "אַ ניי קלייד", "בענקשאַפֿט", און "קיינער ווייסט עס נישט". חוהס באַליבטסטע דיכטערין, קאָרן,

האָט אַרייַנגעפירט דעם לייענער אין איר איבערלעבונג פון אינטענסיווער ליידנשאַפט און לעכצונג פאַר דאָס וואָס איז ניט צו דערגרייכן, אָדער אייביק פאַרלוירן געגאַנגען – – נאָך אַ געליבטער, אַ היים, אַ פאַרשוווּנדענער וועלט. אַ פּרוּי פון קלאַס האָט געוויינט צוליב דעם וואָס ס'האָט איר דערמאָנט איר מאַן וועמען זי האָט פאַרלוירן מיט צוויי יאָר צוריק. ס'זענען געווען כיכיקעס אויך, ווען אַפילו די קאַנאַדישע באָבעס האָבן זיך דערפילט אומבאַקוועם ביים דיסקוטירן וועגן עראָטישער תאווה. פון דעסטוועגן, האָט חוה דעמאָנסטרירט, אַז יידיש איז ניט קיין פאַרשטויבטע שפּראַך, אויסשליסלעך פאַר אַן אַלט־פרענקישער, באַגרענעצטער וועלט, נאָר אַ שפּראַך וואָס איז אינגאַנצן לעבעדיק, פאָסטמאָדערן, און וואָס קען אויסדריקן די רירנדיקסטע אינטימע זאַכן.

...עטלעכע נאָך מיטאָגס אין דער וואָך האָט חוה געהאָלפן די אָנפאַנגערס אין זייער געראַנגל צו פאַרעמען און לייענען דעם אלף־בית... נאָך אַ טאָג צוויי האָבן זיי דערגרייכט אַזאַ מייסטערישן ניוואָ, אַז זי איז געווען דערפון דערשטוינט און דערפרייט. אייניקע תלמידים האָבן געהאַט אַן איבעריקן "באָנוס"... זיי האָבן געוווינט מיט די פאָר פאַרבליבענע יידיש־רעדנדיקע משפחות. מען האָט זיי דערלאַנגט פונאַנדערגעאַרבעטע פרישטיקס אויף יידיש, געוואַשן זייער וועש אויף יידיש, און געהאַט אַזוי פיל אַנדערע טובות, אַז עס איז געווען ווי זיי וואָלטן אַרייַנגעפאַלן אין די היימען פון געוועזענע באָבעס און זיידעס, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן קיין "נייַן־ענטפער", אַפילו אויף יידיש!

נאָך אַן ערך צען טעג, האָבן זיך פאַרקלענערט די חושכדיקע, שטומע וויזיעס וואָס האָבן חוהן געפּייניקט. אומעטום ווו זי איז געגאַנגען אין ווילנע, האָט זי זיך צופעליק געטראָפן מיט אירע תלמידים און אַנדערע לערערס. סיי אין קאַפעס סיי אינעם סופּערמאַרקעט, אָדער קויפנדיק בורשטין -- האָבן זיי זיך געסטאַרעט צו רעדן יידיש. מיטאַמאָל איז ווילנע פאַר חוהן באַלעבט געוואָרן מיט די וואָס האָבן נאָך דאָ געוווינט פאַר דער מלחמה – אַ שפּעדיקע עפּאָכע וואָס קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז זי וועט זיך ענדיקן. הינטער אָפּגעברוינטע יונגע פרויען אין דזשינס און שמאָלע בלוזקעס, האָט זי באַמערקט עטערעאַלע פרויען אין שפּיצענע קאָלנערס און רונדיקע היט, וואָס שוועבן געאָרעמט אין שמייכלדיקע דרייַלינגס צו זייערע ראַנדעוווען אויף דייטשער (וואָקאַטשו)־גאַס. נעבן מענער אין טאָמי הילפיגערשער העמדלעך און נייקי שיך, זענען יונגע מענער־גייסטער אין קאַפּעליושן און פאַרמאַכטע קאָלנערס אַרויסגעפלויגן פון זייערע סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען, פוטבאָל־געניטונגען, ציוניסטישע קלובן, כּדי זיך צו טרעפן מיט זייער חברה. ס'איז פאַר חוהן געווען אַזוי נאַטירליך צו זען די דאָזיקע באַשעפענישן ווי עס איז געווען זיך צו באַגעגענען מיט אירע נייַע פרייַנד פון לערן־פּראָגראַם. זי האָט זיך בכלל ניט געשראָקן.

פאַרקערט, חוה, וואָס וואָלט ניט געחלומט צו רייכערן, טרינקען שוואַרצע קאַווע אָדער שפּירט אין דער היים אין לאָס־אַנדזשעלעס, איז געוואָרן נאָענט צו די אומרויקע נשמות אַזוי ווי זי וואָלט זיי איר גאַנץ לעבן געקענט. זיי זענען זיך צונויפגעקומען אין דרויסנדיקע קאַפעען, געטרונקן טערקישע קאַווע מיט מאָן־קוכן, גערייכערט "דאַווידאָווס" דורך בורשטינענע ציגאַרעט־האַלטערס, און דיסקוטירט וועגן דעם נישט געשטויגן־נישט־געפלויגנעם ענין פון דער ספקדיקער צוקונפט פון יידיש. לויט דעם אייביקן יידישן מנהג, האָבן זיי אַלע געפּרוּווט רעדן אינאיינעם.

"וואָס רעדסטו, "שטאַרבן"? מיר זענען צו פיל דערויף. וואָס-- פערציק טויזנט? זעכציק טויזנט? אין ווילנע אַליין-- אַלע רעדן יידיש! איז דאָס דען ניט גענוג? "האָט איינער פון די גייסטער אויסגערופן. אַלע האָבן זיך גוט צעלאַכט.

אַ יונגער בונדיסט מיט אַ וואָלקן רויטע האָר, האָט געזאָגט: "אפילו ווען מ'רעדט אַנדערע שפּראַכן, ווי רוסיש אָדער פּויליש, וועלן מיר אייביק רעדן אונדזער מאַמע-לשון--ס'איז ניטאָ וואָס זיך צו קריגן וועגן אומגערעכטיקייט, גרויס אָדער קליין."

"אָדער רעדן שיינע רייד, בובאַלע", האָט איבערגעריסן די שיינהייט וואָס איז לעבן אים געזעסן, אַן אַקטריסע מיט אַ פּאָרצעלייענער הויט, אַ מיטגלידערין פון דער ווילנער טרופּע.

"און גיב אַ קוק אויף אַלע טעגלעכע יידישע צייטונגען!" האָט געזאָגט אַ יונגער מאַן מיט בלויע אויגן. חוה איז אַנציקט געוואָרן פון זיין דאַרן, קאַנטיקן, נישט-ראַזירטן פּנים איבער אַן אָפענעם ווייסן קאָלנער. ער האָט איר עפּעס אויסגעזען באַקאַנט. זיין ברייטער שמייכל האָט איר פאַרכישופט. "כּל זמן ס'זענען דאָ יידן זיי צו לייענען, וועלן זיין יידישע צייטונגען", האָט ער פאַרזיכערט, בלאָזנדיק רויך אין חוהס פּנים. אָבער ס'איז געווען אַ גייסטער-רויך, וואָס האָט ניט אַרויסגערופן קיין הוסט. די אַנדערע האָבן שטאַרק צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ.

ווי אַזוי קען מען זיך קריגן מיט אַזעלכע זעלבסט-זיכערע גייסטער -- באַזונדערס זי, וואָס האַלט אין מיטן פון לערנען דאָס דאָזיקע עקשנותדיקע לשון מיט אַזאַ פיינער צאָל איבערגעגעבענע נשמות? און ניט נאָר מיט יידישע נשמות, אויך מיט אַ צאָל בעלאָרוסישע, ליטווישע, דענישע, פינלענדישע, דייטשישע, איטאַליענישע, און אַמעריקאַנישע ניט-יידן. אונטער איר אָרעם האָט זי געטראָגן ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ נומער פון דער יידישער צייטונג "ירושלים דליטאַ", פון יוני 1998.

צען אַ זייגער ביי נאַכט, ווען דער הימל איז נאָך געווען ליכטיק, האָט אַ מאָדנע גרופּע יידישע פּראָפעסאָרן זיך לאַנגזאַם געלאָזט אין וועג אַריין, אומוויסנדיקערהייט, צוזאַמען מיט זייערע גייסטער-חברים, פון די קאַפעען צו דאָמיניקו-גאַס. זיי זענען געגאַנגען צו פּיראַטוס, איינער פון די פּאָר נאַכט-קלובן אין דער אַלטער ווילנע, וואָס האָט געהאַט אַ יידישן בעל הבית. עטלעכע פלעשער ביליקע ליטווישע וואָדקאַ האָבן געוואַנדערט אַרום די צונויפגעשטופּטע טישן. ס'זענען געווען אומצייליקע תּירוצים פאַר נאָך אַ "לחים"-- און נאָך און נאָך... ביז אַלע האָבן זיך צעזונגען: יידישע לידער, מיט עטלעכע רוסישע אַריינגעוואָרפן.

די ליטווישע מענער, וואָס זענען געזעסן ביי די נאָענטע טישן, האָבן צו זיי אָפּט אַהינגעקוקט. חוה איז געוואָרן נערוועז. זי האָט זיך געוווּנדערט צי זיי זוכן אַ תּירוץ זיך צו שלאָגן. די אַמאָליקע און איצטיקע יידישיסטן זענען געבליבן רויק, און האָבן נאָך העכער זיך צעזונגען. חוה האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם ביז אויף זייערע שכנימס פּנימער האָט זיך באַוויזן אַ גלייכגילט און זיי האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע אייגענע שמועסן.

דער ניט-ערדיקער מיט מלא-חן בלויע אויגן האָט מיט אַ כּישוף באַוואָרנט אַ פול גלאָז פאַר יעדן איינעם, צו פייערן, האָט ער דערציילט חוהן, זיין פאַרענדיקן דעם לעצטן באַנד יידישע דיכטונג. שוין אַ ביסל שיכּור, האָט חוה געכיכיקעט און געפרעגט צי ער איז אַ מיטגליד פון דער לעגענדאַרער ליטעראַרישער גרופּע יונג ווילנע. ער האָט נאָר אויף איר געגלאָצט, אַזוי ווי זאָגנדיק, "וואָדען?" ער האָט אָנגעהויבן צו זינגען אַ

חסידישן ניגון. זיין זיסער טענאָר האָט חוהן געשענקט אַ שמץ פון עולם הבאה.

די ניו-יאָרקער און אָקספאָרדער פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן, ניט ווייסנדיק, געוואָלט האַלטן די גייסטער אין זייער באַשטימטן פּלאַץ, האָבן אַנגעפאַנגען קאָמפּאָנירן זייער אייגן ליד וועגן דער ווילנער יידישער זומער-פּראָגראַם. די יידישע אַקטריסע האָט געוווּנקען מיט די אויגן צו חוהן, אין דער זעלבער צייט וואָס זי האָט, מיט אירע דעליקאַטע, דורכזיכטיקע הענט געצופּט די פּרעכטיקע באָרד פון פּראָגראַם-פירער. מ׳האָט געקענט זען ווי זיין פּנים איז רויט געוואָרן פון פריקרעקייט.

אַ סך פון די גייסטער זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איידער דאָס געזאַנג האָט זיך אָפּגעשטעלט. חוה האָט פאַרשטאַנען, אַז אַפילו גייסטער ווערן מיד אָדער נודיען זיך און מוזן זיך צוגרייטן פאַרן נייעם טאָג. די וואָס זענען געבליבן (זי איז געווען צופרידן אַז איינער פון זיי איז געווען דער מיטן ברייטן שמייכל און פאַרחלומטע אויגן) האָבן איר באַגלייט אַהיים. ווילנע/ווילניוס איז געשלאָפן. אַלץ איז שטיל געווען אַחוץ די קלאַפּנדיקע קנאַפּל אויף די שטיינער פון דער גאַס און די קעץ, וואָס האָבן געזונגען צו אַנדערע קעץ.

זיי זענען צוגעקומען צום אַלטן יידישן קוואַרטל, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געווען אַרומגעמויערט צו שאַפן דעם גרעסערן פון די צוויי געטאָס. אַן אָפּגעזונדערטע שטיינערנע מצבה איז געשטאַנען אויף אַ גרינער פּאָליאַנע, וואָס האָט דערמאָנט אַ קליינעם בית עולם. עמעצער האָט לעצטנס צוגעלייגט אַ קראַנץ ביי דער באַזע. אַפילו אין דער שוואַכער שיין פון די גאַסן-ליכט האָט חוה געקענט לייענען די אויפשריפט. פאַר איר איז עס געווען דער ערשטער עפנטלעכער מאָנומענט מיט אַ יידישער אויפשריפט-- געווידמעט דעם אָנדענק פון די קעמפערס פון געטאָ. געגרייכט האָט ער איר קוים צו דער טאַליע. עס האָט אויסגעזען קלאָגעוודיק.

אויסגעניכטערט, האָבן זיי זיך אָוועקגעדרייט און באַלד אָנגעקומען צו דער געשלענגלטער, ווייניק באַלויכטענער שפּיטאָל גאַס/ליגוינענעס, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען פון דעם יידישן שפּיטאָל וואָס איז אַמאָל דאָ געשטאַנען. לעבן דעם אָרט, ווו מען האָט אין 1941 אָוועקגעריסן ניי געבוירענע קינדער פון זייערע מאַמעס און אָוועקגענומען זיי צו דערשיסן, שטייט היינט אַ מאָדערנער און שאַרמאַנטער האָטעל, דער "מאַנאָ ליזאַ". חוה מיט די גייסטער האָבן באַגלייט דעם באַזוכנדיקן אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר צו דער טיר.

ביים געזעגענען, האָט ער באַמערקט: "גיב נאָר אַ קוק, מיר זענען די גרעסטע צאָל יידן וואָס וווינען אויף דער גאַס זינט 1944!" צו דעם, האָט דער גייסט מיט די בלויע אויגן געוווּנקען צו חוהן, געשמייכלט זיין בלענדיקן שמייכל, און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין פאַרנעפּלטן אַריינגאַנג פון אַ הויף. דער אָקספאָרדער פּראָפעסאָר און חוה האָבן זיך ביידע געווינטשן "אַ גוטער נאַכט" און אַריינגעגאַנגען אין זייערע דירות.

אין דער זעלבער נאַכט האָט חוה געהערט אַ גערויש אין הויף - אַ שווערן קלאַפּ פון שטיוול און אַ פּרויס פאַרהאַקטן געשריי. בעת זי איז געלעגן ווי פאַרפרוירן אין איר ענגן בעט, האָט זי גלייך געוווּסט אַז זיי זענען געקומען אַרעסטירן די עלטערע מענטשן, און אַז די מאַמע פונעם גרעסטן לעבעדיקן יידישן דיכטער, אברהם סוצקעווער, איז איינע פון די וואָס ווערן אָוועקגעשלעפּט. חוה האָט ערשט געלייענט וועגן דעם עפּיזאָד אין סוצקעווערס רירנדיקע זכרונות, אין אַ צעריסענער יידישער קאָפּיע וואָס זי האָט

געפֿונען מיט אַ טאָג צוריק אין אַן אַנטיק-קראָם אויף דער בוטיק-ליניִרטער דאָמיניקו-גאַס.

מערסטנס נאָכמיטאָג צייט איז חוה אויך געוואָרן אַ סטודענטקע. געסט-רעדנערס פֿון ווילנע, לאָנדאָן, ניו-יאָרק, און מאָסקווע האָבן געמאָלט אַ מאָזאַיִק פֿון דער היסטאָרישער ווילנע, פֿון איר אָנהייב אַ פֿינף יאָרהונדערט צוריק, צו איר בעצמדיקן סוף מיט אַ פֿינף יאָרצענדליק צוריק.

מיט יעדער לעקציע און באַגלייט-שפּאַציר אויף אַזעלעכע גאַסן ווי גאַאָנוס גאַס, וואָס טראָגט נאָך דעם נאָמען פֿונעם באַרימטן דענקער פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט, דעם ווילנער גאון, און פּילימאָ-גאַס (די געוועזענע זאַוואַלנע-גאַס) האָט חוה זיך אויסגעלערנט צו דערקענען די איצטיקע פֿאַרלאָזענע געביידעס, ווו ווילנעס יידישע נשמות האָבן אַמאָל געלערנט צו ווערן רבנים און לערערס; האָבן זיך פֿאַרווײַלט אין טעאַטערס, כאָרן, אין אַטלעטישע און געזעלשאַפֿטלעכע קלובן; האָבן געדרוקט ספֿרים און יידישע ראָמאַנען; און ווו זיי האָבן זיך פֿאַרנומען מיט די טעגלעכע געשעפֿטן. ס'איז דעריבער געווען פּאַסיק אַז איין גרויען, רעגנדיקן זונטיק אינדערפֿרי זאָל חוה מיטפֿאָרן אויף אַן אויטאָבוס מיט תּלמידים און לערערס אויף אַ קורצער רייזע צו דעם לעצטן אָרט פֿאַר דעם רוב יידן פֿון ווילנע: פּאָנאַר.

צוערשט, איז עס געווען געגנוי ווי זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט--אַ געוויינטלעכער דאָרפֿישער וועג, ליניִרט מיט גלייך שטייענדיקע, גראָדליניקע סאָסנעס. דערנאָך, מיטאַמאָל, האָט אַ פּחד חוהן אַרומגעכאַפּט. איר האַרץ האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קלאַפּן. זי האָט געמיינט, אַז דער סטודענט וואָס זיצט דערלעבן וועט וועגן דעם עפּעס זאָגן. אירע גלידער זענען געוואָרן שוואַך און ווי פּאַראַליזירט, איר האַלדז - אַזוי ווי עמעצער וואָלט זי געשטיקט. פֿון דאַנעט -- האָט חוה ווי עס איז געוווסט -- האָט די יונגע ווילנערקע וואָס האָט זיך אין איר אַריינגעגנבעט, דערהערט די ווייטע שיסערייען און געשרייען. אַן אויסגעמאַטערטע פֿון אַרעסט און הונגער, האָט זי געמוזט גיין אומענדלעכע מיילן מיט הונדערטער אַנדערע יונגע פֿרויען און מיידלעך אין אַ הייסן יולי טאָג. אויף דעם זעלביקן אָרט ווו חוה האָט באַגעגנט אַ מיט פֿליוש אויסגעבעטן אויטאָבוס, איז זי געקומען פּנים על פּנים מיט דעם אָנרחמנותדיקן און זיכערן טויט.

אין וואַלד ווו משפּחות האָבן אַמאָל געפּיקניקט און ווו יידישע גימנאַזיע-תּלמידים זענען געפֿירט געוואָרן אויף באָטאַנישע שפּאַצירן, זענען געשטאַנען מאָנומענטן מיט אויפֿשריפֿטן אין יידיש, רוסיש, ליטוויש און ענגליש וועגן די הונדערט טויזנט וואָס זענען דאָ פֿאַרניכטעט געוואָרן. ווייניקסטנס זיבעציק טויזנט זענען געווען ווילנער יידן און יידישע פּליטים פֿון פּוילן. אַפֿילו נאָכן זען דעם דאָזיקן ציפֿער איינגראַווירט אין שטיין און באָנדז, איז קיינער פֿונעם אויטאָבוס נישט געווען צוגעגרייט פֿאַר די אומגעהייערע גריבער-תּהומען. דאָ איז די ערד ווי געצוווּנגען געוואָרן איינצושלינגען אַ מאַסע יסורים און זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט פֿאַרהיילט דערפֿון.

די דאַרע סאָסנעס האָבן געציטערט אומשולדיק במשך קדיש זאָגן אין דריבנעם רעגן, "איז זיבציק טויזנט מאָל קדיש דאָ שוין געזאָגט געוואָרן?" האָט חוה זיך געוווּנדערט. זי האָט עס געזאָגט צו איינעם אַ מאָגערן, שאַרפֿזיניקן יונגנמאַן. אָבער זי איז זיכער געווען, אַז ס'וואָלט גענומען לכל הפּחות זיבציק טויזנט מאָל - און אפֿשר אָכצן מאָל זיבציק טויזנט-- קדיש זאָגן צו דערהויבן די נשמות פֿון אַלע אומשולדיק דערמאָרדערטע.

חוה האָט אָפּגעריסן אין וואַלד אַ ווילדע רויז. די צאַרטע קרוינבלעטלעך זענען געווען

פון אַ בולטער מאַדזשענטאַ־פאַרב. אָנטקעגן האַרבן ריח פון נאָדלבוים און ערד, איז דער דופט געווען שוידערלעך זיס. זי האָט די רויז צערטלעך געהאַלטן אויפן וועג צוריק און האָט פאַנטאַזירט עס צוטשעפּן צו דעם לאַץ פון איר אומערדישן פּאָעט. אָבער יענע נאַכט האָט זי אים אינערגעץ ניט געזען. איידער זי האָט זיך געלייגט שלאָפן, האָט זי די פאָנאַרער רויז אַריינגעפּרעסט אין אַ בוך פון יידישער גראַמאַטיק.

אַזוי ווי דער חודש האָט זיך דערנענטערט צום סוף, איז חוהס ענערגיע פאַרשוווּנדן. זי האָט אַריינגעטראַכט ווי אַזוי צו באַפרייען איר דיבוק צו זיין אייביקער רו.

אין איינעם פון די לעצטע אָוונטן האָבן די תּלמידים און לערערס פאָרגעשטעלט אַ קאַבאַרעט פון יידישע לידער, היפּוכדיקע מענער־פרויען מלבושים, רעציטאַציע, און אַפילו זשאָנגלירן. די זומען פון יידישער שעפערישקייט זענען ווידער פאַרזייט געוואָרן אין ווילניוס/ווילנע, אַפילו ווען זיי מוזן ערגעץ אַנדערש זיך אַנטוויקלען.

ביי נאַכט האָט דער דיבוק געצוווּנגען חוהן זיך אָנצושיכורן פון גלעזער וואָדקאַ מיט איר לעבעדיקער און גייסטער־חברותא. זי איז געבליבן כליפּען ווי אַ קליין קינד מיט אַן אָנסופיקער פּיין. חוה האָט געוויינט פאַר אַלע נשמות, בתוכם אירע עלטערן, וועלכע האָבן אַזוי זינלאָז געליטן במשך דער געפערלעכער תּקופה. און זי האָט געוויינט פאַר איר, די נשמה אָן אַ נאָמען, וואָס האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך באמת צו ליבן מיט איר ראָמאַנטישן יונגווילנער וואָס האָט געהאַט אַזאַ זיסע שטים און האָט ניט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן.

צו מאָרגנס האָט חוה אַ פאַרוויינטע באַשלאָסן פּטור צו ווערן פונעם דיבוק. זי האָט שיר ניט פאַרשפּעטיקט צו דער פאָרמעלער גראַדויר־צערעמאָניע. פון איר אָרט אויף דער בינה מיט די אַנדערע לערערס, האָט זי נאָכגעקוקט דער פּראָצעסיע פון חשובע לייט -- די פאַרטרעטערס פונעם ליטווישן פּרעזידענט, די אַמעריקאַנער און דייטשישע קאָנסולן, פּרעזידענט פון ווילנער אוניווערסיטעט, פירערס פון דער יידישער קהלה. זי האָט שיר ניט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען. ס'איז אַוודאַי געווען דער דיבוק וואָס האָט שפּעטער געצוווּנגען חוהן נאָכצוקומען איר חשק צו קושן יעדן שטאָלצן תּלמיד וואָס איז אַרויפגעקומען אויף דער בינה צו באַקומען אַ צערטיפיקאַט -- ניט איין מאָל, נאָר אין ביידע באַקן. חוה האָט געקוואָלן פון יעדנס אויפטוען.

מיט אַ צאָל נאָך־גראַדויר־פייערונגען אין די שענקען און קאַפעען אַרום דער שטאָט, מיט דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן בליץ־פּאָסט אַדרעסן, האָט די ערשטע ווילניוס/ווילנע יידישע זומער־פּראָגראַם זיך פאַרענדיקט. צו מאָרגנס איז געווען שבת, תּשעה ב'אב, דער טרויעריקסטער טאָג פונעם יידישן יאָר. גענוי מיט צען יאָר צוריק איז חוהס טאַטע געשטאָרבן, אין אַן ענלעכן הייסן, דושנעם טאָג, אין אַן אַנדערער זייט וועלט. ס'איז געבליבן איין איינציקע שול אין ווילנע -- די זילבער־קופּאָליקע כאָרשול, אויף פילימאָ־גאַס, נישט ווייט פון דער גאַס, וווּ חוה האָט געוווינט. חוה איז געגאַנגען אַהין אָפּצוגעבן כבוד איר טאַטנס יאָרצייט.

אינעווייניק זענען געזעסן עטלעכע עלטערע פרויען הינטער אַ שפּיצענער מחיצה, לעבן דעם גרויסן מרכז וווּ די מענער האָבן געדאַוונט. קיין חזן אָדער קיין רב איז ניט געווען, ניט מער ווי דער באַצאָלטער מנין. דאָס דאַווענען איז געווען אַן אומפאַרשטענדלעך איילנדיק בעבלען אונטער דער נאָז. חוה האָט געפּרוּווט מיטהאַלטן, קוקנדיק איבער די אַקסלען פון אירע שכנים, אין זייערע העברעיש/רוסישע סידורים; יעדע האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אויף אַן אַנדער זייטל. וואַרטנדיק פאַר אַ מעגלעכקייט

צו זאָגן קדיש, האָט חוה אַריינגעקלערט אינעם הימל־קאָלירטן קופּאָל. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו הערן דעם רעש פון דורות יידן וואָס האָבן דאָ אין גרויסע צאָלן געדאַוונט, אין פרייד און צער. איצט איז נאָר געווען דער אַרומיקער מורמל פּונקטירט מיט אַ טיילמאָליקן אויסבראָך פונעם בעל קורא. קוים מיט צרות, איז איר געווען מעגלעך אויפצושטיין, אַן איינציקע פרוי האָט הויך אויפן קול אָנגעהויבן קדיש זאָגן. לעבן איר אויער האָט זי געהערט אַ שאָרכן, ווי פון סאַמעטענע פליגל, מיט אַ ווייך, פרויען־קול: "גיי געבענטשט, חוהלה".

אין דרויסן, אויף ווילנעס פאַרקרימטע, ניי־באַשטיינערטע געסלעך, איז עס געווען אַנדערש פון יעדן אַנדערן טאָג פון לעצטן חודש: חוה האָט זיך מיט קיין שום באַקאַנטע ניט געטראָפן. כמעט יעדער איינער פון דער יידיש־פּראָגראַם איז אַהיים געפאָרן אָדער זיך געלאָזט ווייטער אין וועג פון זומער־נסיעות. זי איז געזעסן אין אַן עקספּרעסאָ־באַר אויפן גרויסן צענטראַלן שטאָטפּלאַץ וואָס איז אַמאָל געווען דאָס אָרט פונעם יידישן מאַרק. זי האָט געפילט אַ מאָדנע וואַקום. ווילנע איז געווען אויפסניי אָפּגעליידיקט פון יידן. אַפילו די גייסטער זענען פאַרשוואונדן געוואָרן, מער ניטאָ זייערע בעלי הבתים זיי צו באַוווינען און זיי צו געבן לעבן. חוה האָט זייער געבענקט נאָך זיי -- די לעבעדיקע און די מתים!

במשך דרייסיק טעג האָט ווילנע געהאַט אַ יידישע גאַס, אַן אמתע יידישע גאַס -- וווּ מ'האָט זיך געלערנט, געלאַכט, געליבט, געגעסן, געחלומט, און געוויינט אויף יידיש. דער אָנווער איז געווען אומענדלעך, ניט צו פאַריכטן, פאַר חוהס דור, פאַר אַלע קומענדיק דורות.

אינדערפרי, נאָך איר ערשטן אָפּפרישנדיקן שלאָף, איז חוה אַוועקגעפלויגן איבער ווילנעס רויטע דאַכלקעס, איר פינקלדיקן טייך, אירע קופּאָלן, אירע לאַטעס פון אַ ווייכן גרין, אין דער מאָדערנער, גראָדליניקער מערב־שטאָט אין וועלכער זי האָט געהאָפט צוריק צו געפינען איר היסטאָרישן דיסטאַנץ, איר אַלטע "נייטראַליטעט". אָבער פאַר אַ לענגערער צייט האָט זי זיך געפילט אַ פאַרלוירענע, אַזוי ווי זי וואָלט נאָך געווען מיט איר צוזאַמען, זוכנדיק אַן אָרט אויף דער ערד...

---

חשובה פריינד פון רעדאַקציע "חשבון",
נעמט אָפּ מיינע האַרציקע באַגריסונגען
און ווונטשן צום נייעם יאָר!
געזונט און שעפערישקייט זאָלן אייך באַגלייטן
אויפן וועגן פון יידישער טעטיקייט.

מיט פריינדשאַפט,
אין נאָמען פון "פאָרווערטס"־רעדאַקציע
באָריס סאַנדלער
הויפּט־רעדאַקטאָר

יוסף פיווין / חיפה

# איך רעד וועגן ווייטע לענדער

איך רעד וועגן ווייטע לענדער
מיט ברייט־צעגרינטע שטחים
און הויך צעוואַקסענער תּבואה.
איך רעד וועגן פּאַמפּאַס.
וועגן ווילדע פערד
רעד איך.

ווען איך רעד וועגן טייכן און האַפנס
זענען זיי ניט די זעלבע טייכן און ניט די זעלבע האַפנס,
וואָס דו שסעלסט זיך פאָר.

איך רעד וועגן אָפּגעבערענטע רייטערס
און דו טראַכטסט וועגן בעדוינער
וואָס הוידען זיך אויף קעמלען.

איך זאָג טייך און טראַכט וועגן דער פּאַראַנאַ
וואָס שפּרינגט צעטומלט
פון צפון צו דרום
און אַז איך זאָג - טייך
האָסטו פאַר דיין בליק דעם שמאָלן ירדן
וואָס זעט זיך ניט אָן, איז איינגעהאַלטן און פאָרזיכטיק

איך רעד וועגן וועטער,
וועגן רעגן, קעלט און שטורעם
און כ׳מיין צו זאָגן - ווינטער.
אין דער זעלבער רגע
האָסטו פאַרגעניגן פון דער זון און פון דער זומערדיקער וואַרעמקייט.

איך רעד וועגן ווייטע לענדער
מיט ברייט־צעגרינטע שטחים
און הויך צעוואַקסענער תבואה.
איך רעד וועגן פּאַמפּאַס.
וועגן ווילדע פערד
רעד איך.

איבערזעצט פון עברית - **צבי אייזנמאַן**

עמיקם יסעור

# וועגן יוסף פיווינס לידער-בוך*

יוסף פיווינס ליריק באַזירט זיך אויפֿן זכרון. עס איז פֿאַראַן אַ געוויסע שפּאַנונג צווישן דעם "דאָ" און דעם "דאָרט". מען קאָן דאָס אָנרופֿן אַ "דאָפּלטער אָפּשטאַם".
איתמר יעוז-קסט האָט געשאַפֿן דעם באַגריף פֿון "צוויי-שטאַמיקע" פּאָעטן. איינער וואָרצלט אין לאַנד פֿון זיין געבוירן און דער אַנדערער - דאָ, אין ישראל. ווי, למשל, יעוז-קסט זעלבסט. ווי יעקב בסר; ראובן בן-יוסף; רחל פרחי-עוזיאל; ארז ביטון, עדה אהרוני.

די דערינערונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין זיינע לידער, היטן זיך פֿון צו זיין סענטימענטאַל. זיי זענען איינהייטלעך. די זאַמלונג מאָלט בעיקר שטאָטישע לאַנדשאַפֿטן. אַ חלק פֿון זיי איז פֿאַרבונדן מיט חיפֿה. זיי זענען קאָנקרעט, אָבער באַהויכט מיט אַן אינערלעך ליכט.

דעם דיכטערס אויג כאַפּט אויף באַזונדערע פּרטים און דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער מהות פֿון פּאָעזיע. ניט פֿאָטאָגראַפֿירן. פֿאַרהאַלטן זיך ביי כאַראַקטעריסטישע אָביעקטן און זיי אונטערשטרייכן, ווען דער פּאָעט פֿילט, אַז מען דאַרף אַזוי טאָן.

פיווינס ליריק איז ניט סטעריל. זי קוקט זיך איין אין זאַכן מיט ליבשאַפֿט און געפֿיל. אין זיין שאַפֿן מערקט זיך אַ געזעלשאַפֿטלעכע אַנגאַזשירונג. דאָס נעמט זיך מן הסתם פֿון זיין דרום-אַמעריקאַנער קולטור. עס איז אויך ווערט אָנווייזן די רעגונג וואָס הערשט צווישן דער דרום-אַמעריקאַנער עקזאָטיק און די בילדער פֿון פֿאַרבלאַסטע לאַנדשאַפֿטן פֿון חיפֿה ווי, למשל, די דייטשע מושבה אין דער נידער פֿון דער שטאָט. אין דער נייגונג פֿון פיווינען צו אָט דער לאַנדשאַפֿט איז פֿאַראַן עפּעס פֿון פּרווון זיך דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פֿון חיפֿה. חיפֿה פֿון די טערקישע צייטן, די דייטשע מושבה פֿון די טעמפּלערן. דער עבר קומט ניט צום אויסדרוק דורך אויפֿלעבן אים. ער דערשיינט ברמז, דורך זכרונות.

די איבערלעבונגען פֿון דער מלחמה זענען משפּיע אויף פיווינען. פיווין דער הומאַניסט פּראָטעסטירט קעגן מלחמה און אירע רעזולטאַטן. ער לעבט עס ממש איבער און איז אין דעם פֿאַרמישט. אין זיינע שירים פֿירט ער אָפֿט אַ דיאַלאָג מיט עמעצן. עס זענען דאָ לידער וואָס האָבן אַ דערציילערישן עלעמענט. דאָס דערציילטע אָבער דינט אַלס הינטערגרונט. דער מינאָרער טאָן פּאַסט זיך פֿאַרן גייסט פֿון די לידער. דער דיכטער רעדט צו אונדז מיט אַן אינטימען טאָן. דער נאָמען פֿון זיין זאַמלונג רופֿט ביים לייענער אַרויס אַ נייגער צו עפּעס אַן עקזאָטיק. ער דיכטעט וועגן ווייטע לענדער און ווייטע פּייזאַזשן - דער עצם אָנרופֿן די ערטער ביי די נעמען - פֿאַראינטערעסירט.
אין דער זאַמלונג איז בולט דער מאָטיוו פֿון אָפּגענוצט ווערן. פֿון אָפּבליאַקעווען, אַזוי דער פּייזאַזש, אַזוי די זונה איינעם ליד "פֿאָטאַנאַ", די דייטשע מושבה און דאָס שיפֿל. עס פֿילט זיך אַרויס דעם פּאָעטס צער און די סימפּאַטיע צו די אַלע אָפּגעטראָגענע זאַכן.

עס איז אַן עכט און אויטענטיש ווערק. ריין פֿון פּאָזע און מאַניערן. באַגלויבלעך אינעם מאָלן לאַנדשאַפֿטן און שטימונגען.

---

*) דאָס זענען די רייד פֿונעם שרייבער עמיקם יסעור בעתן ליטעראַרישן אָוונט אין חיפֿה געווידמעט דעם ניי-דערשינענעם צווייִשפּראַכיקן לידער-בוך (שפּאַניש-עברית) פֿונעם דיכטער יוסף פיווין וועמענס ליד מיר ברענגען אין דער יידישער איבערזעצונג פֿונעם דיכטער צבי אייזנמאַן. רעד.

בײלע שעכטער־גאָטעסמאַן / ניו־יאָרק

## די וואָר פון אַ חלום

דו ביסט געקומען
געשמייכלט אָן אַ וואָרט,
איך האָב זיך געאײלט
געדאַרפט אַוועקפאָרן, נאָר פאָרט
נאָך באַוויזן מיט דיר זיך צו טרעפן
און מיטיק עסן.
דאָס רענצל, האָב איך זיך געכאַפּט,
האָב איך שיער נישט פאַרגעסן.

אַזוי אויסגעשפּאַנט דער שפּאַן
פון יענער וואָר
אַ פאַקט וואָס נישט צו בײטן
מיט אַ האָר
פינקטלעך, זאַכלעך און
פאַרנעפּלט אומקלאָר
דער חלום.

## בײ אונדזערע שכנים

בײ אונדזערע שכנים זינגט מען הײנט זמירות
העכער און טיפער און פול מיט התלהבות
אַ ציטערדיק דינע קלינגט די נגינה
בײ אונדזערע שכנים פּראַוועט מען שבת.

אין דרויסן אַ טומל, סע קנאַקן און הילכן
פײַ'ריקע פונקען, נישט אײַנצושטילן.
דער פערטער יולי, די פרייד לאָזט זיך הערן,
אַמעריקע פּראַוועט דעם טאָג פון איר ווערן.

שטערנשפּריצערס; געשאָסן ווי חושים
ביז צו די הימלען - פאַרלישען די אויערן
פול איז די נאַכט מיט הייסן געטומל
אָן־סופיקער ליאַרעם שיער טויב צו ווערן.

נאָר דאָ אין דער הייך אויף צווייטן גאָרן
פלעכטן מתוקותדיק זיך זייערע קולות
דאָ הי־געבוירענע ווידער געבוירן
בײ אונדזערע שכנים פּראַוועט מען שבת.

---

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די אײנציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# אין חשבון האָט עפּעס ניט געשטימט...

## (דערציילונג)

– דער בעסטער וועג – האָט זי באַשלאָסן – איז גיין מיט גוטן.

דאָס איז שוין געווען נאָך דעם ווי רייע האָט אַוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל און זיך צוגעזעצט. זי איז געווען די מאַמע. זי האָט געקאָנט איר זון. אונטערדריקן דעם פאַרדראָס איז ניט מעגלעך געווען. אירע נערוון האָבן וויברירט ווי אָנגעצויגענע סטרונעס אין ווינט – אַלע מיטאַמאָל. דאָס האַרץ האָט געאַרבעט ווי אַן איבערגעהיצטער מאָטאָר. דאָס בלוט האָט שטורמיש גערוישט אין אירע שלייפן. איר בן־יחיד בענען האָט זי געקאָנט אַ סך פאַרגעבן. אָט האָט ער צעשמעטערט דעם נייעם אויטאָ, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. כאָטש זי האָט זיך ביי אים געבעטן:

– אין אַזאַ נעפּל פאָר ניט. דער נעפּל ליגט אויף די בערג. דיינע גרויסע געשעפטן קאָנען ניט וואַרטן? האָט ער איר דען געהערט? זיין יינגלישער שטאָלץ האָט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל באַווייזן, אַז דער נעפּל מיינט גאָרניט פאַר אים, אַז ער קאָן זיין געניטקייט באַווייזן.

אָבער דאָס, וואָס זי האָט געהערט אויפן טעלעפאָן, דאָס האָט זי צומוויציקסטן דערוואַרט. אוודאי האָט זי געוווסט, אַז די דאָזיקע קרענק איז ערגער ווי מאָזלען. עס טראָגט זיך מיט אַ פאַרנעם, אויסער יעדער קאָנטראָל. אָבער טיף אין איר באַוווסטזיין האָט געטליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז זי וועט ניט געפּרוווט ווערן מיט דעם נסיון. די האָפענונג האָט פאַרפירט.

בעני איז געווען איר גאַנץ פאַרמעגן. צוליב אים האָט זי אַוועקגעגעבן ס׳לעבן אויפצובויען אַ מעמד. באַזאָרגט אים מיט אַלע ווילטאָגן, וועדליק אַ מאַמע, וועמען דער גורל האָט ניט באַוויליגט מער ווי איין זון. דאָס איז געווען איר ווערסיע. ווען רייע שטעלט זיך ניט אַנטקעגן דעם גורל (דאָס איז געווען דעם גורלס ווערסיע...) וואָלטן אין שטוב אַצינד אַרומגעלאָפן אַ שפּאָר ביסל קינדער, ניט דווקא אַלע יידישע... נאָר דאָס איז נויטיק צו פאַרקוקן, כדי אויסמיידן רכילות.

לייבל, בעניס טאַטע, האָט זיך די זאַך ניט גענומען צופיל צום האַרצן. ער האָט זיך בכלל ניט שטאַרק איבערגענומען מיט דעם, וואָס ביי אים אין הויז קומט פאָר. אויף אַלעם האָט רייע סיי ווי געהאַט אַן אויג. נאָר פון זאָגן אַ טרייסט וואָרט, פון דעם האָט ער זיך ניט געקאָנט אַרויסדרייען.

– ביזט ניט די ערשטע און ביזט ניט די לעצטע. אויב דו נעמסט זיך אַזוי ס׳לעבן, האָסטו געדאַרפט בלייבן אין ישראל און ניט לויפן זוכן גליקן אין דער וועלט...

– דיר הייסט עס גייט די זאַך ניט אָן, פונקט ווי בעני וואָלט ניט געווען דיין זון.

– ניין – מאַכט לייבל – דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געלייקנט – ער איז טאַקע מיין זון, אָבער דו באַשטייסט שוין פאַרביידן.

אַצינד, האָט לייבל געהאַלטן, האָט ער ענדלעך די געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן עפּעס וועגן דער באַנעמונג פון זיין זון, אָן מורא רייע זאָל אים ניט צומאַכן ס׳מויל.

– צו ניינצן יאָר ווילסטו ער זאָל זיך נאָך אַלץ האַלטן אָן דיין ספּודניצע? זאָל ער איבערפרעגן דער מאַמען צו עס געפעלט איר די אָדער יענע מיידל? דו האָסט עפּעס אַ

סך געפרעגט דיין טאַטן? אדרבה לאָמיר הערן ווי אַזוי דו האָסט זיך באַנומען - טאַקע ווי אַ נייַנציאָריקע?

ער האָט תּמיד געוואָלט עפּעס דערגיין פון רייעס אַמאָל, און ניט געקאָנט. אַפילו דער שטורעם וואָס האָט געבושעוועט אין איר, איז ניט געווען בכוח, אָפּצוווענדן איר פון וואָרט, וואָס זי האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל געגעבן:

פאַרזיגלט בלייבן די בלעטער פון מיין נעכטן, היים... רוסלאַנד, און אַלץ וואָס איז מיט דעם געווען פאַרבונדן - דאָס אַלץ גייט אויפן חשבון פון דער מלחמה...

מיט לייבלען האָט חתונה געהאַט אַ ניי געבוירענע רייע. אַ פרוי אָן אַ פאַרגאַנגענהייט... האָט זי דעריבער געשוויגן, כאָטש די צונג האָט געבריט צו דערציילן וועגן איר גדלות אין יענע ביטערע יאָרן פון פאַרוואָגלונג. נאָך אַלעמען - האָט זי ניט גענוג דערציילט? די משפחה איז אומגעקומען. נו, כּמעט קיינער האָט ניט געהאַט קיין משפחה. דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך. זי אַליין האָט זיך עוואַקוירט מיטן ערשטן סאָוועטישן עשעלאָן, צוליב אירע פאַרבינדונגען טאַקע. אַזוי איז געשען מיט אַלע - אַזוי איז געשען מיט איר. דאַרף זי לאָזן פאַלן אַ שאָטן אויף איר פאַרגאַנגענהייט? ביי דעם אַלעם איז דאָס איינשאַפן זיך אַן אויסגעטראַכטע משפחה איר ניט געווען צום האַרצן. דאָס איז אין די מלחמה־יאָרן געווען די מאָדע. פון די "ביעזשענצעס" האָט מען געהערט, אַז אָדער זיי שטאַמען פון גבירים, פאַבריקאַנטן, אָדער זענען רבנישע אייניקלעך...

- נו - האָט רייע דערויף געזאָגט דעם מאַן - אַז מען עסט חזיר זאָל שוין רינען איבער דער באָרד. לייבל איז ניט קליגער געוואָרן פון דעם זאָג. כאָטש רייע איז געווען פאַרהאַוועט אין אירע געשעפטן איז זי דאָך ניט בלינד געווען צו דעם, וואָס אין דרויסן טוט זיך;. ווי אַזוי עס באַנעמען זיך די קינדער פון אירע שכנים - יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן פון דער לאַנגער האַנדל־גאַס אין אַ דרום־אַמעריקאַנער לאַנד, וווהין זי האָט אָנגעשפאַרט נאָך אַלע וואַנדערונגען. צוליב דעם מאַנס געשעפטן אין פוילן, ווען די ערד האָט געגומען ברענען אונטער די פיס... בנימין, וועלכן מען האָט שוין דאָ גערופן בעני - איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרשטענדלעכער בחור און האָט געהאַט גענוג איינזען ניט צו איגנאָרירן די עלטערן, איבערהויפּט דער מאַמען.

די מעשה איז דאָס, וואָס ער האָט אויך געהאַלטן פון דעם זעלבן כּלל: אַז גיין מיט גוטן איז דער בעסטער וועג. דאָס האָט געגאָלטן ביז ער איז אַריין אין אוניוועריסיטעט. לכתּחילה איז רייע צעשמאָלצן געוואָרן פון נחת מיטן זונס דערגרייכונגען סיי אין דער הויכשול און סיי אויפן אוניוועריסיטעט. אירע שלאָפלאָזע נעכט זענען געווען אויסגעפּילט מיט האַנדלס־טראַנזאַקציעס: געלט פּראָבלעמען און אומזיכערקייט מיטן קומענדיקן סעזאָן, ווען מען דאַרף אָפּזעצן די פאַבריצירטע פּראָדוקציע. אין יענע נעכט האָבן זיך צווישן איין מחשבה און אַ צווייטער פאַרגנבעט האָפענונגען: זי האָט געזען איר זון ווי אַ דאָקטאָר אָדער אַדוואָקאַט, פאַר וועלכן זי וועט צוגרייטן אַ קאַבינעט מיט די נייעסטע איינריכטונגען. אָדער מענטשן וועלן רימען זיינע קלוגע רייד, מיט וועלכע ער געווינט פּראָצעסן.

מיטאַמאָל איז אַלץ זויער געוואָרן. בעני האָט טאַקע געמאַכט דעם גרויסן שוויג, אָבער דער מאַמעס האַרץ האָט גענומען אומרויק קלאַפּן, ווען דער זון איז אַהיים געקומען אַ ביסל צעשטרייט מיט פאַרחלומטע אויגן - אָבער אינגאַנצן ניכטער. דאָס ניט וויסן וואָס מיט אים קומט פאָר, האָט איר קיין רו ניט געגעבן. און דאָס איז ניט געווען

סתם אַזוי. אין יענעם לאַנד האָבן יונגע סטודענטן - בחורים און מיידלעך - געהאַט אַ טבע צו פאַרשווינדן און מען זאָל ניט וויסן, ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

- מיט פּאָליטיק - האָט איר בעני פאַרזיכערט - פאַרנעם איך זיך ניט. אויך ניט מיינע חברים. כ'האָב גענוג פּראָבלעמען אויפן אוניווערסיטעט, ווייל איך בין געבוירן אין פּוילן און געקומען אין לאַנד אַריין פון ישראל. דאָס איז צו קאָמפּליצירט פאַר די גויים צו צעקייען: בין איך אַ פּאָליאַק? בין איך אַ ישראלי? עס שאַדט ניט אַ מאָל - האָט ער געטראַכט - צו זאָגן דער מאַמען דעם אמת...

אין אָוונט האָט זי לייבלען ניט געקאָנט אָוועקרייסן פון דער טעלעוויזיע.

-טו אים אַ פרעג, מיט וועמען חברט ער זיך פּאָרט? - זי האָט ביי זיך ניט געקאָנט פועלן, אַז אַ געוויקסיקער, שיינער בחור פון אַ פאַרמעגלעכער היים מיט אַן אייגענעם אויטאָ, זאָל ניט האָבן ערגעץ אַ מיידל...

אָבער פונקט דעמאָלט זענען געלאָפן די פערד און לייבל האָט מיט עקסטאַז נאָכגעפאָלגט איינעם אַ פירפיסיקן מיט אַ מאָדנעם שפּאַנישן נאָמען אויף וועלכן ער האָט געשטעלט אַ היפשע מטבעה. צוערש האָט ער גאָרניט געענטפערט, ביז דאָס געיעג האָט זיך פאַרענדיקט. נאָר אַז זי איז צוגעשטאַנען, האָט ער ניט געקאָנט מער שווייגן.

- ווילסט וויסן מיט וועלכע בחורים אָדער מיט וועלכע מיידלעך בעני חברט זיך? - כאָטש ער האָט פאַרשטאַנען וואָס רייען רופעט, האָט ער זיך געמאַכט געפּגרט. - דו האָסט דאָך אים געקויפט דעם אויטאָ, טאָ ווער דו געוויער מיט וועמען ער פּאָרט דאָרטן אין די בערג, אָדער צום ים...

פּאָרט - אַ מאַמעס האַרץ, האָט זי געפילט, איז אַ נביא. אומזיסט איז עס ניט אומרויק. נאָך עטלעכע דיפּלאָמאַטישע געשפּרעכן איבערן טעלעפאָן צו באַקאַנטע, וועמענס קינדער לערנען זיך אויך אין אוניווערסיטעט, האָבן אירע דרך־אגבדיקע פראַגן פאַרטשעפּעט עמעצן, און ער האָט זיך אַרויסגערעדט: זי איז אַ שיינע, אַ סטרונע, אַ טונקל־הויטיקע און וואָלט געקאָנט אָנגיין ווי אַ יידיש קינד, ווען ניט דער גאָלדענער צלם, וואָס קליידט איר אגב זייער גוט און ליגט אַזוי ווי אַ קעצעלע אויף אירע ווייכע קישעלעך...

זעליק, דער העמדער־סוחר, וועמען מענטשן האָבן גערופן: שמדניק, מחמת ער האָט געהאַט אַן אויג אויף די בראָנזענע מיידלעך ווי סטאַטועס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין זיין געשעפט, און ניט נאָר אויף די... דער צעשטערערישער עלעמענט וואָס איז געווען איינגעבויט אין זיין כאַראַקטער האָט מיט גאָרניט זאָגנדיקע באַמערקונגען אַרויסגענומען יענעם די נשמה. די פיס האָבן זיך אונטער רייען איינגעבויגן, ווי אונטערגעזעגטע. זי איז אַריינגעפאַלן אין פאָטעל. זי האָט זיך דערפילט אומבאַהאָלפן, ביים ראַנד פון אַ טיפן אָפּגרונד. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט:

- דער בעסטער וועג איז גיין מיט גוטן...

- בנימין - האָט זי אַ פרעג געטאָן אָן פאָררעדעס, כדי ער זאָל זיך ניט קאָנען אַרויסדרייען - ווער איז עס די דאָזיקע ערנעסטינאַ?

האָט זיך בעני פאַרלוירן? האָט ער זיך געריכט אויף דער פראַגע און גרייט געהאַט דעם ענטפער? דאָס וועט מען שוין קיינמאָל ניט וויסן. זיין ענטפער איז אָבער געווען ווי פון אַ גזלן - קאָלטבלוטיק: - זי איז אַ פיין, אָנשטענדיק מיידל און לערנט זיך מיט מיר צוזאַמען. מיר זענען גוטע פריינד און פאַרשטייען זיך זייער גוט. דעריבער פאַרברענגען מיר אָפט צוזאַמען. ווילסטו נאָך עפּעס וויסן?

רייע איז געבליבן געפּלעפּט. דערוואַרט האָט זי, אַז דער געשפּרעך זאָל זיך אַנדערש אַנטוויקלען. ער וועט זיך פאַרלירן, פּרוון אַרויסדרייען פון אַן ענטפער, פּרוון זיך פאַרענטפערן - דאַן וואָלט זי געקאָנט נעמען דעם בחור אין די הענט, אויף אַזאַ פראַגע האָט זי זיך אמווייניקסטן גערעכט: וואָס נאָך ווילסטו וויסן? רייע האָט זיך פאַרלוירן.

- ווי ווייט איז - ווי דו רופסט עס - אייער פריינדשאַפט אַוועק?

- דו מיינסט וועגן חתונה האָבן? דערווייל נאָך ניט. אָבער אויסגעשלאָסן איז עס אויך ניט... אַזאַ לשון פון איר זון האָט רייע ניט דערוואַרט. ער האָט שוין מער ניט גערעדט ווי אַ קינד צו זיין מאַמען. זי האָט פאַר זיך געזען אַ מאַן. זי האָט געוווסט, אַז ער קאָן אירע שוואַכקייטן. וועט זי אים אַרויסטרייבן פון שטוב? וועט זי אים אָפּזאָגן דאָס טאַשן־געלט? וואָס קאָן זי מיט אים אויפטאָן? דאָך - איר מאַמישע אויטאָריטעט האָט ניט דערלאָזן, אַז בעני זאָל האָבן דאָס לעצטע וואָרט.

- דו ווייסט זייער גוט וואָס עס טראַכטן די היגע שיקסעס. זיי זוכן נאָר פאַרמעגלעכע יידישע בחורים, ווייל זיי ווייסן, אַז דאָס איז אַ גוטער שידוך. עס ליגט שוין אין דער נאַטור פון יונגע מענטשן זיך לייכט צו צעפלאַקערן אין פאַרבלענדעניש פון צערטלעכקייטן און זיסע צוזאָגן... די יינגלעך מיינען, אַז זיי האָבן נאָר וואָס אַנטדעקט די אַכצן־קאַראַטיקע ליבע, אָבער די ריכטיקע כוונה זעען זיי ניט. ליבע איז ניט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש און ווען מען וועקט זיך אויף פון חלום, דאַן איז עס שוין צו שפּעט...

רייע האָט זיך שיעור ניט פאַררעדט. זי האָט עס אים געקאָנט באַווייזן מיט פאַקטן פון איר אייגענער דערפאַרונג. פאַקטן, וואָס האָבן נאָכער אָפּגעקאָסט אַ שטיק געזונט. אָבער אַפילו ווען זי טוט עס, ווייסט זי, אַז עס וועט סיי ווי ניט העלפן. זי וועט זיך בלויז פאַרשוואַרצן דאָס פנים.

בעני האָט זיך, ווייסט אויס, ניט שטאַרק איבערגענומען פון דער לעקציע, ווייל ער איז געבליבן גלייכגילטיק צו אירע רייד. געטראַכט אָבער האָט ער יאָ דערפון: וואָס שייך ליבע, האָט זי פאַר מיר קיין אַמעריקע ניט אַנדעקט. דאָס האָט זי וואַרשיינדלעך דערציילט פון אירע אייגענע דערפאַרונגען. אָבער ווי אַ גוט דערצויגענער בחור, מיט דרך ארץ פאַר דער מאַמען, האָט ער בלויז געענטפערט:

- די לעקציע האָב איך שוין געהערט ביי זעליקן אין שטוב. ער האָט גערעדט צו מיין חבר, ווי אַ טאַטע צו אַ זון. מיט גוטן און מיט בייזן. געקלאַפּט מיטן פויסט אין טיש. געריסן זיך ביי די האָר. געשוווירן זיך ביי זיין טאַטן אין קבר, אַז ניט ביי זיין לעבן וועט ער אַזאַ זאַך דערלאָזן. עס איז געווען זייער דראַמאַטיש. אָבער וואָס קאָן שוין זעליק אויפטאָן, אַז דאָס מיידל שוואַנגערט?

רייע האָט איר ביטער האַרץ פאַרטרויט איר מאַן. - מיר מוזן זיך ראַטעווען פון אַזאַ שנור - האָט זי אינגאַנצן געפיבערט - איידער עס וועט צו שפּעט. איידער זי פירט אים אין קלויסטער אַריין, אַז גלייבן גלייבט ער סיי ווי ניט, טאָ וואָס איז אים די נפקא מינא? מיט אים צו ריידן - איז אַרויסגעוואָרפן די רייד.

לייבל האָט קיין צופיל האָפענונגען ניט געלייגט אויף דער מעגלעכקייט, אַז רייע זאָל קאָנען עפּעס אויפטאָן, אויב בעני וועט זיך דווקא איינשפּאַרן - ער איז דאָך ס'מאַמעלע אויסן אויג. ווי די רוסן זאָגן: "קאָסאַ נאַ קאַמיען". זיין עקשנות וועסטו אַפילו מיט קיין לאָם ניט אַרויסהאַקן, אַזוי ווי זי... נאָר צוליב שלום־בית האָט ער ניט געוואָלט שיטן זאַלץ אויף די ווונדן.

- עס פעלן מיר אויס צרות? - האָט ער זיך, ווי פאַרענטפערט פאַר זיין שווייגן.

רייע האָט איבערגעלאָזט לייבלען אין פאַבריק, אַכטונג צו געבן אויף די מענטשן.

- קאָן איך אים אָנטרויען אַזאַ דעליקאַטע שליחות? - און כדי צו באַרעכטיקן אירע אייגענע ספיקות, האָט זי צוגעגעבן: ער אַליין קאָן נאָך וואַרפן אַן אויג אויף דער מויד... דאָס איז געווען אַ געדאַנק אין אַ מינוט פון שוואַכקייט. זי האָט געפילט, אַז זי איז ניט מער דאָס, וואָס געווען. ווייזט אויס, אַז רייע האָט ניט געהאַט קיין גרויסן צוטרוי צום מענלעכן מין...

שטילערהייט, בעני זאָל ניט חושד זיין, ווי זי וועבט אירע פלענער, איז זי דערגאַנגען ווו די ערנעסטינאַ וווינט, ווער עס איז איר משפחה. אָן קיין שום אָנונג פון מלחמה־סטראַטעגיע, האָט זי אינסטינקטיוו געפילט, אַז זי דאַרף זיין גרייט צום אָנגריף, וואָס האָט געקאָנט אָפגעהאַלטן ווערן אין איין שלאַכט - געווינען אָדער פאַרשפּילן.

* * *

רייע איז געווען מיינע אַן אַלטע באַקאַנטע, פון די שטעטלשע און יינגלערישע יאָרן. זינט מיר זענען געוואָרן דערוואַקסענע מענטשן מיט פאַמילעס, שוין היפשלעך נאָך דער מלחמה, האָבן מיר פאַרלוירן דעם אינטערעס צו איבערשרייבן זיך. נאָך דעם אָבער, ווי זי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ פאַבריק פון פרויען־קליידער, און ווען זי האָט געפראַוועט די רייכע חתונה פון בענין, האָט זי דערפילט אַ באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט עמעצן וועגן איר דערפאָלג. און ווער קאָן עס נאָך אַזוי אָפשאַצן ווי אַלטע באַקאַנטע? איז איר איינגעפאַלן אָפצוזוכן עמעצן, טאַקע עמעצן פון דער אַלטער היים. נאָר ער קאָן אָפשאַצן דאָס, וואָס זי האָט אַלץ אין איר לעבן אויפגעטאָן, און ביי דער געלעגנהייט שיקן אים די בילדער פון דער חתונה. דאַן האָט זי זיך דערמאָנט אין מיר. אויפן בילד האָב איך זי דערקענט בלויז דערפאַר, ווייל כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זי זיין. איר בילד אין מיין זכרון איז פאַרבליבן פון אַ מיידל מיט רויטע בעקעלעך, מיט חן־גריבלעך, מיט שמייכלדיקע אויגן און אַ היפשלעך אָנציעוודיקע פיגור, וועדליק אַ יינגל פון אַ יאָר אַכצן קאָן אָפשאַצן.

אַצינד איז זי אויך געשטאַנען אַ צעשמייכלטע. דאָס גליק אויף איר פנים האָט געשפילט ווי די זון אין אַ שפיגל. זי האָט ממש געשפרודלט מיט פרייד. נעבן איר, אַ היפשער, ערנסטער בחור אין אַ סמאָקינג, און נעבן אים אַ סימפאַטיש מיידעלע אין אַ ווייס קליידל און טיולענעם שלייער. דער טאַטע איז געשטאַנען אַ גלייכגילטיקער. ער האָט, ווייזט אויס, פאַרגעסן צו שמייכלען פאַרן פאָטאָגראַף. אויבנאויף האָט זיך גאָרניט אָנגעזען. דער סקעפטישער בליק פון צוקוקער קאָן אין בילד געפינען סימנים פון יאָרן, וועלכע האָבן אין רייען איבערגעלאָזט שאַרפע צייכנס...

באַגלייט די בילדער האָט אַ לאַנגער בריוו, מחמת די נויטיקייט צו באַשרייבן איר וויכטיקן אויפטו. "דאָס בילד איז פון בעניס חתונה מיט רחלען. זי איז אַ סטודענטקע, וואָס וועט גאָר אינגיכן ווערן אַ קינדער־דאָקטאָרשע. אירע עלטערן זענען פיינע, יידישע מענטשן, מיט וועלכע מען רעכנט זיך ביי אונדז אין שטאָט. ווי אַזוי איך בין פטור געוואָרן פון דער שיקסע? - זי האָט עס געשריבן אין אַ טאָן ווי איך וואָלט באמת געווען באַהאַוונט אין איר זונס ליבעס.

"עס האָט מיר גענוג אָפגעקאָסט, ביז זי און אירע עלטערן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין תכלית. דאַן איז זי קאַלט געוואָרן צו בענין און גענומען אויסמיידן אים. ער האָט עס איבערגעקרענקט און איך צוזאַמען מיט אים. נאָר דו ווייסט דאָך, יונגע מענטשן צינדן זיך שנעל אָן און קילן זיך שנעל אָפ".

איך בין ניט געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, נאָר מילא... ווייטער שרייבט זי: "מיר האָבן טאַקע דערגרייכט אַ יידישע שנור. צומאָרגנס נאָך דער חתונה זענען זיי אָפּגעפאָרן אויף אַ וועלט־רייזע".

נעמענדיק דעם בריוו אין האַנט, האָב איך זיך געוווּנדערט; נאָך אַזוי פיל יאָרן, אַ בריוו פון רייען? נאָכן איבערלייענען אים און אָנקוקנדיק די בילדער, האָב איך איינגעזען, אַז עפּעס האָט איר געדריקט און אַז דאָס איז אַ מין אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן. ענדלעך - האָב איך אַ טראַכט געטאָן - האָט זי געפונען אַ זין אין לעבן...

* * *

די אייניקלעך האָבן פאַר רייען אויפגעמאַכט אַ טיר אין אַ וועלט פון טרוים און פאַנטאַזיע. טייל מאָל האָט זי אין דעם געזען אַ פאַרגיטיקונג פאַר אַ סך אַנטוישונגען אין לעבן.

מקנא זענען איר געווען די שכנים, וועלכע האָבן ניט געקאָנט באַווייזן דאָס, וואָס זי האָט אויפגעטאָן. צופרידנקייט האָט געוואַרעמט דער באָבעס האַרץ. זי אַליין איז ניט מיד געוואָרן צו ווייזן פאַר אַלע באַקאַנטע די בילדער פון די אייניקלעך; פון די חשובע געסט אויפן ברית פון ערשטן יינגעלע, וואָס האָט מיט אַ קינדערישן שמייכל אַראָפּגעקוקט פון בילד.

נאָכן צווייטן קינד, ווען בעני איז שוין געווען אויפן וועג אָנצוהויבן אַרבעטן אין אַן אַדוואָקאַטן־פירמע און אַראָפּגיין פון דער מאַמעס קעסט, האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן אין זיך דעם פאַרדרוס אויף ערנעסטינאַן צוליב דער מיסטעריעזער קאַלטקייט, וואָס האָט מיטאַמאָל גענומען בלאָזן פון איר, ביז זי האָט זיך מער מיט אים ניט געוואָלט באַגעגנען.

איבערנאַכט קאָן זיך אַ מענטש ניט ענדערן - האָט בעני איבערגעחזרט אפשר צום הונדערטסטן מאָל. ער איז געווען זיכער, אַז הינטער אירע אויסריידן באַהאַלט זיך עפּעס. נאָר וואָס דער עפּעס איז, איז שווער צו באַגרייפן.

- האָסטו אַן אַנדער פריינד? - האָט ער ביי דער לעצטער באַגעגעניש געפרעגט. כאָטש זי האָט נאַכאַנאַנד אויסגעמיטן צו געבן אַן ענטפער, וואָס זאָל זיך לייגן אויפן שכל, האָט זי זיך מודה געווען: - ניין, ניטאָ קיין אַנדערער... מיר אַליין זענען בלויז פון אַן אַנדער טייג געקנאָטן...

דער זומער אָוונט אין בעניס אויטאָ האָט זיך פאַרצויגן אין טיפער נאַכט. ערנעסטינאַ האָט אָפּגעשלעפּט מיט לאָזן אים וויסן, אַז דאָס איז זייער לעצטע באַגעגעניש. בעני האָט פון איר נערוועזיטעט אַרויסגעפילט, אַז עפּעס וועט די נאַכט געשען. זיין מענערישער שטאָלץ האָט אים ניט געלאָזן שטעלן די לעצטע פראַגע, וואָס איז אים געלעגן אויף דער שפּיץ צונג: האָט זיך מיין מאַמע אַריינגעמישט?

דער געדאַנק האָט אים יאָרן לאַנג פאַרפלאָגט. כאָטש ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין באַווייזן פאַר זיין חשד.

צווישן בענין און זיין יונגער פרוי, וואָס האָט צוליב איר קינדלען נאָך ניט באַוויזן צו קוואַליפיצירן זיך ווי אַ דאָקטאָר, האָט נאָכן ערשטן אימפּולס זיך איינגעשטעלט אַ קילע, טאָלעראַנטע באַציונג. דאָס האָט אויבנאויפיק ניט אַרויסגעוויזן קיין שום סימפּטאָמען. ביז איין טאָג האָט רעבעקאַ ניט געקאָנט מער אויסהאַלטן די אַטמאָספער און האָט אַ זאָג געטאָן:

- ווען ניט דיין מאַמע וואָלסטו געהאַט די צוויי קינדער מיט ערנעסטינאַן און

←

## ש. סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

### נאַטור־געטער

ישוע, ביסט צוגענאָגלט
צו דעם הילצערנעם קרייץ -
ווי קענסטו לינדערן דעם וויי
פון אַ דור אַ גאַנצן, אַ געקרייציקטן?

בורא, גלייכגילטיק דיין שמייכל,
קוקסט אייזיק־קאַלט אַראָפּ
אויף אַ קאָנטינענט פון לייד־און־פּיין -
ווי קענסטו היילן, ווען אַליין דו ביסט
דורכגענומען מיט ייאוש?

אל־שדי, גאָט פון נקמה
אַזש ביזן צענטן דור,
כ׳האָב דיין סנה געזען --
מיין היים, מיין וועלט אין פלאַמען.

כ׳וועל קניען פאַר אַ בוים אין וואַלד,
פאַר אַ פעלדז, אַ שטיין אין פעלד,
ווי אַן אורמענטש כ׳וועל זיך קריקערן
צו נאַטור־געטער און גייסטער.

### קידוש השם

כ׳וועל אַ ברכה מאַכן פאַר דיר, אכזריותדיקער,
פאַר די גאַז־טויטן, די צעשיסונגען,
ווי סע שטייט געשריבן: אַ מענטש באַדאַרף
בענטשן פאַרן גוטס ווי פאַר אומגוטס.

דו ביסט עס דער, וואָס האָט אָנגערייצט
די האַרצלאָזע, געשטאַרקט זייערע אָרעמס,
ווי סע זאָגן די חכמים: אַ מענטש רירט ניט
מיטן פינגער אונטן, אָן וויסן פון הימל.

דעריבער זיי געבענטשט, נקמה־מייסטער,
וואָס האָט באַפוילן מקדש זיין זיין שם
מיט אַלע משונה־מיתות, דורך די הענט
פון די אומריינע -- אמן!

---

וואָלסט געווען אַ סך גליקלעכער, אין דעם בין איך אָבער גאָרניט שולדיק. ליידן צוליב דעם מוז איך אויך ניט. אין דיין מאַמעס חשבון האָט עפּעס ניט געשטימט...

* * *

אין איינעם אַ בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון מיינעם אַן אַלטן חבר, פון ישראל, אַ חבר מיט וועלכן מיר האָבן נאָך געשפּילט אין קנעפּלעך אַרום די שולן, און בין שוין געווען צוגעווינט צו זיינע באַמערקונגען וועגן עפּעס וויכטיקס אויפצוטאָן אין לעבן, האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ פּאָר שורות, וואָס האָבן גאָרניט געפּאַסט צו זיין טאָן. אָדער האָט ער אפשר דערמיט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר איך האָב ניט געכאַפּט דעם מיין דערפון...

"געדענקסט רייען, בענטשע דעם נאַוואָראָדקערס טאָכטער? זי איז אַמאָל געווען אין ישראל. זי האָט זיך געגרויסט מיט איר יידישער שנור. היינט איז זי געבליבן אַ ניאַנקע צו צוויי איינִיקלעך. איר זון איז זיך צעגאַנגען מיט דער פרוי...."

## לעאָן לערמאַן

# שערבלעך

שערבלעך פון אַלע מיינע
צעבראָכענע טעג
אין שמאַטעס קויטיקע כ׳האָב אויסבאַהאַלטן.
געוואָרן ז׳מיין גרעסט פאַרמעגן, -
אַ קעסעלע בלעכנס און אַ פונק האָפענונג
אונטער אַ בושלאַט אַ קאַלטן.

געוואַקסן זיינען יאָרן אויף שטעכיקע דראָטן.
העק האָבן אַריבערגעשריגן
דעם וואַלדס געשריי,
געהאָנגען איז מיין האַרץ
אונטער ביימער, אין שאָטן
דער טאָג און אַ חיה באַ מיינע פיס
געלאָפן זיינען פאַרביי.
טיילן מיטן וואַלד זיין גורל דעם רוסישן
געווען ז׳מיר באַשערט,
אין אַ גאָלדענע ראָשטשע עסן אַ שוואָם, אַ שוואַרצע,
אַ ווערמדיקע, מיט קראָפּעווע געמישט.
דעם פויק אין מיינע בלוטן
האָט אַ יעדער האַרץ
אין בוים געהערט.
אַ יעדער פניאָק געקענט האָט מיינע טריט.
דאָס לשון אין בלעטער
געשטאַנען איז אין מיינע אויערן.
כ׳האָב גערעדט, ווי צווישן ברידער
אויף דו, מיט יעדן בוים,
אפשר האָט אַ וואַלד (דאָס וויגעלע פונעם מענטש),
מיך געבוירן.
ווי אַ קינד, מיטן אָטעם, מיטן צינגל,
זויגט די מילך באַ דער מאַמעס ברוסט,
פלעגן מיינע ליפּן, מיינע ציין,
לעבעדיקע זאַפטן באַ בערעזעס נאָגן
און מיטן האַק אויסהאַקן אַ פרילינג־ליד.
דאָס ליד האָבן פייגל צעטראָגן
מיט אַ ציטער אין די פליגל.
אין די אויגן.
מאָכן האָבן יאָרנלאַנג דאָס ליד אויסגעבריט.
אונטערגעשטעלט פלייצעס האָט מיר אַ וואַלד
נאָך אַ וואַלד.

איך אים, מיינע אָנגעצויגענע אָדערן
אויף די פּיס, אויף די הענט,
פאַרהאַרטעוועט, וואָס זיינען געוואָרן
ווי געפלאָכטענע שטריק.
אין פלאַמיקע שייטערס האָט זשוויצע,
ביז אַש געברענט.
אינעם קנאַק פונעם פייער, כ׳האָב געהערט,
ס׳גייט ווידער אויף מיין גליק.

טריטעלעך זעגעכץ אויפן ווינט מיט שמייכלדיקע
זון־בליצלעך גאָלד.
געלאָפן זיינען איבערן שניט מיט געזאַנג,
געלאָפן איבער מיין שטאָלענע זעג.
אַ גוטן פריינד, פונעם האַרצן ווינטשן כ׳וואָלט.
פירן זאָל דער הימל אים בא דער האַנט
(דאָס איז מיין פאַרלאַנג)
אויף אַ מער מזלדיקן וועג.

1956

## דיין וויגליד

דיין וויגליד, מאַמע, דיין וויגליד,
מיך פירט באַ דער האַנט,
צערטלט און טרייסט און פאַרהיט,
שטייט קעגן טויט, ווי אַ שטיינערנע
וואַנט.

דיין וויגליד, מאַמע. דיין וויגליד.
אומעטום ווי אַ שאָטן. מיך באַגלייט.
אין לעבן, גלויבן מיין שמידט,
פון אַלע טייוולאָנעם מיך באַפרייט.

דיין וויגליד, מאַמע, דיין וויגליד,
איינגעפלאַנצט האָסט קאָנען כ׳זאָל
ביישטיין נויט.
קרעפטיקט מוסקולן, הגם כ׳בין
פאַרקילט,
הגם כ׳עס גראָזן, ניט קיין ברויט.

דיין וויגליד, מאַמע, דיין וויגליד.
אין מעשהלעך געעפנט האָט אַ שיינע
וועלט...
אין אָדערן ס׳בלוט מיר פאַרזיד,
אַ באַרוועס־נאַקעטער אויסהאַלטן
קאָנען
כ׳זאָל רעגן און קעלט.

דיין וויגליד, מאַמע, דיין וויגליד,
מיר לויכט, ווי באַנאַכט שטערן.
דאָך, מאַמע, צעבראָכן. מ׳האָט מיינע
גלידער,
אַלע כמאַרעס זיינען, מיינע טרערן...

1964

* * *

בעת דער טרויער־פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 13־טן אויגוסט ד.י. אין זאַל פון אַרבעטער־רינג, האָט די אלמנה פונעם שרייבער ל ע אָ ן  ל ע ר מ אַ ן, פרוי ח י ה  ו ו י נ אָ ק ו ר אָ ו ו אַ

לערמאַן, וועלכע לעבט איצט מיט איר טאָכטער רימאַ און איר משפחה אין ערוויין, קאַליפאָרניע, מיט אַ געבראָכענער שטים צום ערשטן מאָל אין דער עפנטלעכקייט פאָרגעלייענט איר מאַנס אַ ליד א.נ. "שערבלעך".
דער שרייבער לעאָן לערמאַן, אַ געבוירענער אין פולאַווי (יידיש - פילעוו), פוילן, אין יאָר 1904, איז אין יאָר 1922 אַוועק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וווּ ער האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע ליטעראַרישע טעטיקייט און אַרויסגעגעבן אין פאַרלאַג "דער עמעס" אייניקע פראָזע־ביכער. אין 1934 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער מאָסקווער אַלפאַרבאַנדישער באַראַטונג פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס. (אין "פאָרווערטס" פון 11־טן אויגוסט ד.י. איז פאַרעפנטלעכט אַ בילד פון די אָנטייל נעמער אין דער דערמאָנטער באַראַטונג מיט די נעמען פון 46 באַטייליקטע שרייבערס. בלויז איין נאָמען פעלט. אָנשטאָט דעם נאָמען אונטער דעם נומער 40 איז פאַראַן אַ פרעג־צייכן). חיה ווינאָקוראָוואַ לערמאַן האָט אונדז געוויזן דאָס זעלבע בילד, וואָס האָט זיך פאַרהיט ביי איר, און דערקלערט, אַז דער נומער 40 איז איר פאַרשטאָרבענער מאַן לעאָן לערמאַן.
אין 1937 איז לעאָן לערמאַן אַרעסטירט געוואָרן דורך דער ענקאַוועדע (די שפּעטערדיקע קגב) און ער איז פאַרשיקט געוואָרן אין די סיבירער לאַגערן. אַכצן יאָר האָט ער אָפּגעפּינצטערט אין סיביר און ערשט אין 1955 איז ער באַפרייט געוואָרן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין רעכט זיך אומצוקערן קיין מאָסקווע, וווּ עס האָט געלעבט זיין משפחה. ביז דעם יאָר 1966. ווען לעאָן לערמאַן איז געשטאָרבן, האָט ער געלעבט אומלעגאַל אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט מער צו דרוקן זיינע ווערק.
מיר פאַרעפנטלעכן היינט צוויי לידער פון לעאָן לערמאַנס ליטעראַרישן עזבון.

---

## אלי ביידער/ ירושלים

# אַפאָריזמען

דאָס לעבן פון אַ מענטשן
טעאַטער איז מיט פרייד און טרערן.
דאַרף מען זיך דעריבער ווינטשן
זיין גוטער רעזשיסער צו ווערן.
* * *

אַ וווּנד אויפן גוף, אויב ס'איז באַשערט
מיט דער צייט ווערט אויסגעהיילט.
פאַרווונדעטע ווען אַמביציע ווערט -
שטענדיק אַ רפואה פעלט.
* * *

אויך אַ פעלער, וואָס מען איז באַגאַנגען
האָבן קען אַ ווערט,
אויב אים שלעפּן ביז דער זיקנה
איז נישט באַשערט.
* * *

דאָס איז אַ כּלל, וואָס איז שטענדיק אויסן,
אַפילו אויב ער איז דיר נישט געפעלן:
מענטשלעך קליינע ווערן דעמאָלט "גרויסע"
ווען אמת גרויסע מענטשן פעלן.
* * *

געוויינלעך האָט אַ מענטש שטאַרק ליב
דערוויסן זיך ווער יענער איז.
ער טוט קיינמאָל נישט צוליב
מ'זאָל זיך דערוויסן ער וואָס איז.
* * *

וויסן דאָס עס איז דיין חוב,
אַז גרעסער איז דער אחור
פון אַ הונגעריקן וואָלף -
דער זאַטער חזיר.
* * *

פון אַ צייטונג קען מען זען די וועלט.
עס געשעט אָבער אַמאָל
אַז דאָס פענצטער צו דער וועלט
מיט דער צייטונג איז פאַרשטעלט.

ירושלים 1999-1998

עקיבא פישבין / ירושלים

# חיים סוטין אין ירושלים ד׳ליטא

צו 16 יאָר איז חיים געוואָרן אַ תלמיד אין דער קונסט־שולע פון ווילנע; אָנגעקומען איז אים דאָס דאָזיקע גליק מיט דער גרינער גאַל. אַ מאָדנע זאַך - חיים פלעגט דאַך זיין ביים צייכענען פייער; מיט צווי־דריי פלינקע שטריכן האָט ער אויסגעבונדן אַ צייכענונג - האָט זי גערעדט רייד! איז, דווקא ביים איינטריט־עקזאַמען איז אים פּלוצלינג באַפאַלן אַ שרעק; עפּעס אַ מין שפּאַנונג האָט אים פּאַראַליזירט; כאָטש נעם און שריי - חי וקיים! קיין איין איינציקע צייכענונג איז אים נישט אַרויסגעקומען...

חיים איז דורכגעפאַלן מיט אַ קנאַק!

פון גרויס עגמת־נפש האָט דער אָרעמער בחור געוויינט נעבעך, ווי אַ בין; געקלאָגט אויף זיין פינצטערן גורל; נישט קאָנען הנאה האָבן פון לעבן?! געוואַלד! - כאָטש נעם און מאַך צו זיך אַ סוף...

דעם עקזאַמינאַטאָר, הגם אַ רוס, אַ שונא ישראל - האָט דעם יינגלס פאַרצווייפלונג אַ ריר געטאָן. אים האָט עפּעס אונטערגעזאָגט אַ געפיל, אַז דער בחור האָט דווקא יאָ טאַלאַנט, נאָר מאַלע, וואָס ס׳מאַכט זיך אַמאָל אַ מכשול. ובכן, האָט מען חיימען, אויס רחמנות, פאָרגעלייגט - באַלייגן אַ פרישן עקזאַמען. איצט האָט שוין חיים געוויזן וואָס ער קאָן; דאָס צייכענען איז אים אַוועק, ווי אַ מזמור!

מיט אַ קניפּ אין בעקל איז חיים געוואָרן אָנגענומען אין דער ווילנער קונסט־שולע.

צו יענער צייט לערנען אין דער קונסט־שולע אין ווילנע אַ שפּאָר ביסל יידישע בחורים מיט טאַלאַנט. אַ סך פון זיי וועלן שפּעטער, אין פּאַריז, לאָזן הערן פון זיך. אַלע די דאָזיקע יונגע חברה, זענען געווען קינדער פון אַ מער יידיש קולטורעלער סביבה, ווי סוטין - אַלץ בחורים מיט אַ ביסל בילדונג און קולטורעלע געברויכן.

חיים האָט זיך באַמיט צו דערנענטערן צו דער יידישער חברה אין דער שולע; זיי האָבן אים אימפּאָנירט. ער איז דאָך ביי זיי געוויער געוואָרן אַזעלכע באַגריפן, ווי ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער - ווו האָט ער דאָס אַ מאָל געהערט? עפּעס האָט ער אויך ביי זיי געהערט אַזאַ מאָדנע וואָרט, ווי פילאָזאָפיע... חיים האָט באַשיימפּערלעך פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם אָ יונגוואַרג איז אים כדאי זיך צו פאַרחברן.

חיים סוטין דער סמילאָוויטשער בחור, האָט אויף דער יידישער חברה געמאַכט אַ מאָדנעם שטיקל איינדרוק. מילא - די קולטורעלע אָפּגעשטאַנענקייט זיינע, דאָס לאָזט זיך פאַרבעסערן און פאַרפולקאָמען. איז אָבער די מאָדנע התנהגות זיינע... זיין אַרומבלאָנקען איבער דער ווילנער אָרעמקייט און נאָכקריכן לוויות... איצטער - די קרענקלעכע שעמעניש זיינע; עפּעס אַ מאָדנע צוריקגעהאַלטנקייט... דער יונג איז דאָך פאַרקאָוועט אין אַ פאַנצער פון שווייגן!

יאָ, דאָס יונגוואַרג האָט דערטאַפּט אין אים אַ נאָגעניש פון אַנגסט. אַ ביטער רחמנות איז זיי געווען אויף דעם יינגל - ער איז דאָך פאָרט אַ טאַלאַנטירטער בחור! האָבן זיי אים שוין גענומען אין די הענט אַריין און באַשלאָסן אים עטוואָס אויסצומענטשלען.

ווילנע איז כידוע נישט סמילאָוויטשי; ווילנע איז אַ כרך - אַ שטאָט ווו מען קאָן לייטיש הנאה האָבן פון לעבן. אין ווילנע שפּילט טעאַטער, און אויך אָפּערע פאָרשטעלונגען ווערן דאָרט דערלאַנגט. אויף טעאַטער און מוזיק זענען יידישע בחורים פון דער קונסט־שולע גרויסע בעלנים. איי - וועט איר פרעגן - געלט אויף אַ בילעט?

נישקה - חברה איז נישט פון אונטערן איוון אַפּער. מען גיט זיך אַן עצה - זיי ווייסן שוין ווו־אײַן־און ווו־אויס... מיט אַ פּאַרטל קריגט מען זיך אַריין אין טעאַטער־זאַל און דאָרט, אויף דער גאַליאָרקע, לעקט מען די פינגער פון פיינעם געזאַנג, אָדער פון דערהויבענער אַקטיאָרישער שפּיל.

חיים האָט שוין, אויף אַזאַ שטייגער, גענומען טועם זיין פון טעאַטער און אָפּערע־פאָרשטעלונגען. מען דערציילט, אַז גאָר נתפּעל איז ער געוואָרן פון "באָריס גאָדונאָוו", דער אָפּערע פון מוסאָרגסקי. נאָך די פאָרשטעלונגען פלעגט חיים, צוזאַמען מיט דער חברה, גיין אָפּוואַרטן די שיינע אַקטריסעס און זינגערינס ביים אַרויסגיין פון טעאַטער, און זיי פרעסן מיט די אויגן...

אויף יידיש־ווילנע איז כידוע נישט סמילאָוויטשי! חיים עפּנט דאָ אַ פּאָר אויגן. עפּעס אַנדערע יידן לעבן דאָ, אין דעם ירושלים ד'ליטא. פאַראַן אַ סך יידן דאָ מיט קולטור און געשמאַק; יידן משכּילים געפינען אַ טעם אין קונסט. אַ ייד, אַ משכּיל, לאָזט נישט חלילה פאַלן אַ יידישן בחור וואָס לערנט תּורת־קונסט. אדרבא, ער איז אים שטאַרק מכבד - רופט אים אַ היים צו זיך, אויף שבת צום טיש, ער זאָל עסן כאָטש איין מאָל אין דער וואָך, ווי אַ מענטש.

חיימס טאָג־טעגלעכער לחם־בשר־ודגים איז באַשטאַנען פון אַ ברויט מיט אַ הערינג און אַ ציבעלע טייל מאָל אויף אַ צולאָג. דערפאַר איז ער שוין שבת געזיצן ביי אַ באַלעבאַטישן טיש און געגעסן צו דער זעט.

מען דאַרף זאָגן - אויב האָט דער תּמימותדיקער חיים מיט די שוואַרצע טרויעריקע אויגן אַרויסגערופן רחמנות, האָט ער ביי מענטשן אַרויסגערופן אויך נישט ווייניק סימפּאַטיע. אָט, למשל - שבת פלעגט חיים זיין אַן אורח אין דער פאַרמעגלעכער היים פון ד"ר ראַפּאַלקעס. אַן אוהב־קונסט, האָט דער רופא זיך באַקענט מיט חיימס עטיודן פון דער ווילנער יידישער אָרעמקייט, און געפונען אין זיי אַ טעם; זיי האָבן אים געפעלן. נו, האָט ער שוין דעם בחור נישט אָפּגעלאָזט ער האָט אים מקרב געווען; ביסלעכווייז האָט חיים גענומען ווערן אַן איינגייער אין דער היים פון רופא.

די היים פון פאַרמעגלעכן ד"ר ראַפּאַלקעס איז געווען אַ וואַרעמע משפּחה־נעסט - אַ מאָדערנע און קולטורעלע היים. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט חיים געזען, אַז אַ יידישע שטוב קאָן האָבן אַן אַנדער פּנים, ווי די רויע, נישט געהובלעוועטע, יידישע היימען פון זיין שטעטל סמילאָוויטשי. דאָרט, ביים רופא אין דער היים, האָט איצט חיים באַנומען, וואָס הייסט ליבע פון טאַטע־מאַמע צו אַ קינד. דאָרט האָט ער, צום ערשטן מאָל אין לעבן, אויף זיין אייגענער הויט דערפילט דעם טעם פון אַ ביסל וואַרעמקייט פון אַ חשיבותדיקער באַציונג צו אים, עפּעס האָט מען דאָרט, אין דער היים פון ד"ר ראַפּאַלקעס, גאָר אַנדערש גערעדט, זיך אַנדערש באַנומען, אַנדערש רעאַגירט - דרך ארץ געהאַט איינער פאַרן צווייטן. עפּעס אַן אַנדער לעבן! אַן אַנדערע וועלט!

ביים רופא אין דער היים האָט זיך געכאָוועט אויף האָניג און מילך אַ בת־יחידה, אַ קראַסאַוויצע מיט ליכטיקע מעלות. דער שעמעוודיק־צוריקגעהאַלטענער בחור האָט אויפן מיידל, דער קראַסאַוויצע, געמאַכט אַן איינדרוק. זיינע רייד וועגן קונסט, וועלכע ער האָט אויסגעטוישט מיט איר טאַטן, האָבן אויסגעקוקט צו זיין זאַכלעך און אינטערעסאַנט. ס'לוינט מיט דעם בחור צו פאַרפירן אַ שמועס. מען קאָן ביי אים עפּעס נאַשן. האָט די בת־יחידה אַוועקגעלייגט די גוטע מאַניערן און פּרובירט מיטן מאָדנע שעמעוודיקן בחור איינצופּעדעמען אַ וואָרט. פון אַ וואָרט צו אַ וואָרט איז אַוועקן צווישן

די צוויי יונגע מענטשן אַ גאַנג פון שמועסערייען. חיים האָט דעם מיידל דערציילט וועגן די גיגאַנטן פון מאָלעריי מיט וועלכע ער האָט זיך געגומען באַקענען; די בת־יחידה האָט צו אים גערעדט וועגן גרויסן טאָלסטאָי, דערציילט וועגן דער אומגליקלעכער "אַננאַ קאַרענינאַ", וועגן פושקינען, וועגן לערמאָנטאָוון – וועגן זייער וווּנדערלעכער פּאָעזיע.

חיים האָט ביי דער שיינער טאָכטער פון ד"ר ראַפּאַלקעס געעפנט די אויגן. היות זי האָט אויך פיין געשפּילט קלאַוויר, האָט זי דעם בחור פאַרגעשפּילט די מוזיק פון באַך און מאָצאַרט. חיים האָט געגומען אויף זיך אַרויפציען אַ פרישע הויט – אַ הייטל פון קולטור. דער צוביסלעך רויער בחור ווערט אַ שטיקל מענטש אין דער סביבה פון ד"ר ראַפּאַלקעס, און ביי דער יידישער חברה אין דער קונסט־שולע. די אָ נייע סביבה איז געוואָרן זיין אוניווערסיטעט.

אין יאָרן אַרום, אין פּאַריז, וועט די באַרימטע יידישע סקולפּטאָרין, חנה אָרלאָוו, נתפּעל ווערן – עפּעס קען ער דאָך, סוטין, גאַנצע שטיקער פּאָעזיע פון פושקינען אויף אויסנווייניק, ער איז אויסגעוויקלט אין דער מוזיק פון באַך.

קורץ – די טאָכטער פון ד"ר ראַפּאַלקעס האָט געזען, אַז ס'איז דאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש; חיים איז אַ בחור, וואָס פאַרשטייט, ווען מען רעדט צו אים. ער איז נאָר בלויז אַ ביסל צו שעמעוודיק... אויך חיים האָט שוין באַמערקט, אַז די פריילין נעמט אויף זיינע רייד מיט אינטערעס און פאַרגעניגן. ובכן, איז ער נישט קאַרג געווען איר צו דערציילן און דערציילן.

אין דער אמתן, איז דאָך דער סענסועלער חיים אויסגעגאַנגען פאַרן מיידלס בליק, עפּעס אַ קליינינקייט – אַזאַ בילדישע מויד מיט אַ קלוגן קאָפּ אויפן קאַרק!

צווישן די צוויי יונגעלייט האָט זיך געגומען אויסוועבן אַ שטיקל נאָענטקייט. זאָגן אַז דעם מיידלס טאַטע־מאַמע האָבן נישט געזען וואָס ביי זיי אין שטוב קומט פאָר, וואָלט געווען נישט ריכטיק; שבת, ווען די צוויי חברה האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, אָפט מאָל פאַרבראָכט מיט קלאַסישע מוזיק, פלעגט דער רופא אַ ווונק טאָן צו זיין פלוניתטע מיט אַ שמייכל – ווי איינער זאָגט – עפּעס דאַכט זיך, אַז מיר וועלן האָבן מיטן אייבערשטנס הילף, אַ שמחה, אין דער משפּחה...

יאָ, דעם אמת געזאָגט – וואָלט נאָר דערביי געהאַלטן, וואָלטן ד"ר ראַפּאַלקעס און זיין פרוי נישט געווען אַזוי אומגליקלעך חיימען צו נעמען פאַר אַן איידעם. אַוודאי; דער בחור דרייט זיך אַרום נעבעך אַ הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער. ער איז אָבער דאָך אַ ווויל יינגל – חיים; אַ יינגל מיט מעלות. אַ טאַלאַנטפולער בחור! אַז פון אים וועט אַרויסוואַקסן עפּעס גרויס – דאָס פילט ער, ד"ר ראַפּאַלקעס, מיט אַלע זיינע חושים, חיים וואַקסט אַ גרויסער קינסטלער. און אַז חיים וועט, מיטן אייבערשטנס הילף, פאַרענדיקן די קונסט־שולע, וועט ער זיכער האָבן ברייט פרנסה, ווייל ער, ד"ר ראַפּאַלקעס, האָט רייכע באַציונגען אין די הויכע פענצטער פון ווילנע. נישקשה, די קינדער זענען אַ זיווג מן השמים – האָט דער רופא אויסגעפירט. איי – די נשמה איז ביי חיימען אַ ביסל אָנגערירט; אַז ער וועט אַריינקומען אין דער וואַרעמקייט פון אַן איבערגעגעבענער משפּחה וועט זיך אַלץ ביי אים אויסהיילן. לאָמיר האָבן געדולט און לעבן מיט בטחון.

אויף אַזאַ שטייגער, האָט מען שוין חיימען געלאַדן אָפּטער צום טיש.ביים טיש האָט די מאַדאַם ראַפּאַלקעס געזאָרגט אים אונטערצורוקן אַ פעטערן ביסן – דאָס קינד איז דאָך נעבעך הויט און ביין... מען האָט אים שוין אויך געשענקט אַ שיין העמד, אַ פּאָר

לייטישע הויזן, געקויפט אַ מאַנטל אויף ווינטער, ער זאָל חלילה נישט כאַפּן קיין ציטער.
קורץ פון דער זאַך - חיים איז געוואָרן מער ווי אַן אָפּטער איינגייער אין דער היים פון די ראַפּאַלקעס; מען האָט אים דאָרט גענומען באַטראַכטן פאַר אַ שטיקל אייגענעם. די צוויי יונגע מענטשן האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענטערט.
איז אָבער די זאַך אָט וואָס -
דאָס מיידל, די קראַסאַוויצע, איז טאַקע געווען גליקלעך און צופרידן אויסצוהערן חיימס מעשיות וועגן קונסט און קינסטלער; אירע אויערן האָבן אָבער מצד חיימען געוואַרט צו הערן רייד פון אַן אַנדערן מין; עפּעס אַ וואָרט, אַז דאָס יונגע האַרץ אירס זאָל אַ ציטער געבן... זאָל דאָס חיים אַ מאָל זאָגן, אַז איר פּנימל האָט טויזנט טעם... אַז ער גייט אויס פאַר אירע שיינע אויגן... אַז ער חלשט אַ קוש אַוועקצולייגן אויף אירע רויטע־פולע ליפּן... גאָרנישט! פון דעם סגאַל רייד האָט זי, ביז אַהער, פון חיימען קיין וואָרט נישט געהערט. עפּעס אַזאַ מין שעמעוודיקער שלימזל, דער חיים, אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן!... האָט דאָס דעם מיידל טאַקע אַ קאַפּיטשקע פאַרדראָסן...
האָט דען דעם מיידל געקאָנט איינפאַלן, אַז דער אָרעמער חיים פרעסט זיך אויף לעבעדיקערהייט, וואָלט נאָר חיים ביי זיך געקאָנט פועלן, וואָלט אים די פינצטערע אַנגסט נישט געהאַמעוועט, וואָלט ער דאָך פאַר דער שיינער בת יחידה געעפנט זיין האַרץ, דערקלערט איר, אַז ער איז אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן, אַז זי איז דאָס ליכט פון זיינע אויגן; אַ ליכטיקע פּרינצעסין איז זי אים - אויף זיינע הענט וואָלט ער זי וועלן טראָגן; קושן און האַלדזן וואָלט ער זי געוואָלט...
נאָר גיי - רעד, אַז דער פּחד פאַרשליסט אים דאָס מויל... אָט, וואָס פאַר אַ פינצטער מזל!... איז וואָס'זשע זאָל ער טאָן? קומט ער אָפּ מיט וואַרפן זייטיקע פאַרפלאַמטע בליקן אויף זיין געליבטע פּרינצעסין...
דער מאָלער מיכאל קיקאָין, וועלכער האָט מיט סוטינען געלערנט אין ווילנע, און פון "גרויס רייכטום", געדונגען מיט אים אין בעטל צוזאַמען, דערציילט: איין טאָג איז סוטין געקומען מיט אַ בשורה, אָט־אָט ווערט ער, חיים, אַן אײדעם פון ד"ר ראַפּאַלקעס.
איז די מעשה - דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... חיים איז אַ ווילנער איידעם נישט געוואָרן... איין טאָג איז די מאַדאַם ראַפּאַלקעס געקומען צו איר בת יחידה מיט אַ נייעס: טאַכטערשי, דו קענסט שוין גיין מיט דיין באַשערטן צו דער חופּה... מיר האָבן שוין פאַר אייך, מיט מזל אַ דירה מיט מעבל. - מיט אַלעם גוטן.
- מאַמינקע מיינע! - איז דאָס טעכטערל אַרויס מיט אַ גדולה - פאַר סאַשאַ וועט דאָס זיין אַ פריידן! אַ שמחה!
-פאַר סאַשאַ? - האָט מאַדאַם ראַפּאַלקעס געפרעגט אַ פאַרוווּנדערטע - וועלכער סאַשאַ? ווילסט זאָגן טאָכטערשי חיים, מסתּם?
- ניין, מאַמע, כ'מיין טאַקע סאַשאַ און נישט חיים...
און דער אָרעמער חיים האָט פאַרלוירן זיין ליכטיקע פּרינצעסין נאָך וועמענס טריט ער איז אויסגעגאַנגען... און נאָך אַ ריס האָט געטאָן אַ ברען אין האַרצן. און דער טרויער אין די אויגן איז געוואָרן שאַרפער.
די וואָרעמקייט, וועלכע חיים האָט טועם געווען, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, אין דער היים פון איידעלן ד"ר ראַפּאַלקעס, איז נישט בכוח געווען גלייכצושטעלן זיינע טעג און זיינע וואָכן. דער סם פון אַנגסט איז אים אַריין צו טיף אין די ביינער; דער פּחד האָט נישט געלאָזט רויק שטיין אויף די פיס. עפּעס איז נישט געווען קיין רפואה צו ראַטעווען

זיין צעריסנקייט, די צעפליקטע נשמה זיינע צו פאַרלאַטען. אים האָט כסדר געטריבן אַ וויסטער כּוח צו שפּאַנען נאָך לוויות. אַהיים קומענדיק פון אַ לוויה, דערציילט קיקאָין, איז חיים געווען אַ צעשרויפטער, נישט אַרויסגעברענגט קיין וואָרט פון מויל. אים האָט בפירוש עפּעס געקוועלט. נאָך אַ לענגער שווייגן פלעגט ער מיט רוגזה באַפעלן - מיכאל, גיי, לייג דיך אויף דער ערד! כ'וועל דיך איבערדעקן מיט אַ יילעך און מאָלן אַ טויטן!

וואָס איז דאָ שייך צו רעדן - חיים סוטינס גייסטיקע פּעדעם, געבוירענע אין סמילאָוויטשי, האָבן אויסגעוועבט אַ דערוואַקסענעם מענטש אויף הינקענדיקע פיס - אַ מענטש מיט אַ שווער געמיט, אַ נשמה פול מיט ראַצן, און פאַרחושכטע אויגן פון אַנגסט און פחד. מוראדיק שווער איז חיימען צו געפינען זיך אַן אָרט אין לעבן. אים שרעקט יעדער טראָט זיינער. אויך פון ווילנע וואָלט ער גערן אַנטלאָפן....

גראָד מאַכט זיך, אַז צווישן די יידישע תּלמידים אין דער קונסט-שולע גייט אַרום אַ גערעדעריי - וויפל איז דער שיער צו קייען די הלכה פון אַקאַדעמיזם?! מען דאַרף אַוועק קיין פּאַריז! ווייל דאָרט, אין דער סביבה פון מאָנפּאַרנאַס, דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט יונגע טאַלאַנטן מארבע פינות עולם, און זיי באַווייזן אַ וועלט מיט חידושים; אַן איבערקערעניש אין די באַגריפן פון קונסט פירן דאָרט אָריין די יונגע חברה. און אויך יידן טוען דאָרט דערלאַנגען לשון; אָט, זשאַק ליפּשיץ, דער געוועזענער תּלמיד פון דער ווילנער קונסט-שולע; מאַרק שאַגאַל, דער בחור פון וויטעבסק. זיי לאָזן פון זיך דאָרט, אין פּאַריז, געזונט הערן צווישן די יונגע באַנייער.

פון צווישן סוטינס חברים אין דער קונסט-שולע איז דער ערשטער אַוועק קיין פּאַריז פּנחס קרעמען. נישט לאַנג געוואַרט, האָט ער מודיע געווען, אַז פּאַריז איז נישט דער תּחום המושב פון צאַרישן רוסלאַנד; אין פּאַריז אָטעמט אַ ייד פריי; און הגם מען פירט צווישן די יונגע קינסלטער אַן אָרעם "הינטיש לעבן", ווי עס שרייבט פּנחס קרעמען, איז דאָך כּדאַי, אַז סוטין און קיקאָין זאָלן קומען קיין פּאַריז.

סוטין איז צוגעפאַלן צום געדאַנק, ווי אַ קאַץ צו דער פּוטער... אַוועק פון די פינצטערע צאַרישע מקומות - מען פאָרט קיין פּאַריז! אפשר וועט דאָרט ווערן לייכטער אויף דער נשמה. איי - געלט אויף הוצאות?

געלט אויף הוצאות האָט חיימען דערלאַנגט דער איידעלער, גוטער ד"ר ראַפּאַלקעס, וואָס האָט אים געוואָלט פאַר אַן איידעם, און פון עסק איז נישט געוואָרן... דער טייערער ייד, דער רופא, וועט אין חיימען נישט פאַרגעסן. ער וועט אים פון צייט-צו-צייט אויך צושיקן קיין פּאַריז אַ פּאָר רובל.

הכּלל - צו קנאַפּע 20 יאָר אַנטלויפט חיים סוטין פון זיינע היימישע מקומות, ווו זיין נשמה האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט ביטערנישן און שלעכטע זכרונות.

**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976

פאַרוואַלטונג "חשבון"

לילקע מייזנער

# געווען אַ דור אַמאָל אַזאַ...

## (צום אָנדענק פון יאָסל מלאָטעק - יוגנט־פריינד, יידישער קולטור־טוער און בויער)

"דאָס ליד איז צו קליין פאַר דעם גרויסן צער,
דער צער איז צו גרויס פאַר דעם קליינעם ליד"
(מלך ראַוויטש - דאָס ליד איז")

...געווען אַ דור אַמאָל אַזאַ - גייט ער אַוועק אין דער אייביקייט. אַ דור, נישט פון "בראַנזענע יונגען" ווי קולבאַק האָט זיך אויסגעדריקט, ניין - אַ דור פון בלוט און פלייש, אַ דור אין דעם אַמאָליקן יידישן פוילן געווען אַמאָל... געווען אַמאָל אַ יידיש פוילן, מיט יידישע גאַסן און געסלעך, מיט שטעט גרויסע און קליינע, מיט גרויע גרויסע הייזער, און קליינע איינגעהויקערטע הייזקעס. און אין דעם אָרום, אונטער דעם גרויען און טייל מאָל בלויען הימל, האָבן זיך געהאָדעוועט אָט די קינדער, וועלכע זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן אין דעם "מערקווירדיקן דור".

געווען אַמאָל... און פאַרווישט געוואָרן. זענען געבליבן שאָטנס, איינגעקנאָטן אין די שטיינער, מויערן, גראָזן פון פוילנלאַנד, און זיי שרייען אַרויס מיט שטילן ווייטיק, אַ נישט דערהערט פאַר דעם אַלגעמיינעם אויער - נאָר פאַר אונדז, רעשטלעך, יורשים - דערהערט זיך דאָס מאָנענדיקע געוויין - "געדענקט אונדז!" "דערציילט וועגן דעם "אַמאָל". ער - דער "אַמאָל" איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי אומעטיק שיין, אַזוי שטאָלץ - נישט פון "בראָנדז" - נאָר פון נשמה - געווען אַמאָל...

זענען געבליבן רעשטלעך פון דעם "אַמאָל" און זיי האָבן גענומען אויף זיך די ירושה. און נישט שווער איז זי געווען און איז - ריין - געטראָגן זי, ווי זון־שטראַלן, און פונאַנדערגעטיילט אָט די גאָלדענע שטראַלן צו דעם נייעם יונגען דור, אויף נייער ערד, אין נייע היימען - און אַריינגעוואָרפן קליינע זוימען פון די אַלטע דעמבענע ביימער, אפשר וועלן זיי אָננעמען... געווען אַמאָל אַ דור...

איז ער, יאָסל געקומען פון דעם דור. דורך קליינע, שמאָלע געסלעך פון שטעטל געקומען - ביז די גרויסע רוישיקע גאַסן און גרויע הייזער, און דורכגאַנג־הויפן אין דער גרויסער שפּרודלדיקער הויפּטשטאָט פון פוילן - וואַרשע. דאָרט, דאָרט זענען זיינע וואָרצלען געווען - דאָרט געהאָדעוועט זיך ביי טאַטע־מאַמע, מיט ברידער, שוועסטער. פון דאָרט האָט ער געצויגן די יניקה - איינגעזאַפּט אין די דופטן פון אויפבליענדיקע אידעען - און פאַרבונדן זיך, באַהאַפטן זיך מיט זיי. "אויף לעבן און טויט".

דער "דור" איז געגאַנגען דעם "מאָרגן־רויט אַנטקעגן" - מיט דרייסטע טריט, מיט אַזאַ טיפן גלויבן, אַז "קומען וועט דער טאָג - אוי וועט ער קומען". געזונגען האָבן מיר די לידער אין אונדזער קינדער־אָרגאַניזאַציע ביים "בונד" - דעם "סקיף" און אונדזערע שטימען, פון שטעט און שטעטלעך, האָבן זיך פאַראייניקט אין איין געזאַנג - אין איין גרויסן טרוים - אין דעם חלום פון אַ בעסערער און שענערער וועלט!

פון דאָרט, יאָסל, האָסטו געצויגן דיינע זאַפטן - האָסטו אין זיך אַלץ אַריינגענומען - און מיט יאָרן שפּעטער געשאָנקען זיי צו דורות יונגע, אַנדערע, אויף נייע וועגן און שטעגן - אָט די אַלטע זאַפטן.

איך געדענק דיך, יאָסל, אין די קורצע הויזן, אין ווייסן העמד, דעם בלאָנדן קאָפּ, האָר, די קורצזיכטיקע אויגן, פֿאַרשטעלטע מיטברילן. אין דעם "אַמאָל" איז דאָס געווען - אויף איינעם פֿון אונדזערע "סקיף" לאַגערן. דו ביסט געשטאַנען אויף אַ הילצערנעם קאַסטן, מיט דעם אַליין־געמאַכטן "מיקראָפֿאָן" (אַ פּייערקע פֿון אַן איוון מיט אַ לאַנגן שטעקן) און אָנגעהויבן דעם פֿרימאָרגן־אַפּעל "מיט נייעס פֿון דער "וועלט" - וועגן הונגעריקע קינדער אין כינע, וועגן "רויטע פֿאַלקן" אין עסטרייך, וועגן די "באַסקן" אין שפּאַניע - און דו האָסט עס מיט אַזוי פֿיל האַרץ איבערגעגעבן, מיט אַזאַ ערנסטקייט, מיט נישט קיין קינדערישן פֿאַרנעם - און דערנאָך, דעקלאַמירט אַ ליד - איך געדענק עס, עס שטעקט דאָס ליד אַזוי טיף אין מיינע מח־פֿאַלדן. מיט אַ שטאַרקער, זיכערער שטים האָסטו אָנגעהויבן. "פּראָלעטן, פּראָלעטן, פֿון רעוואָלוציע, איר שטאָפּעטן, פֿון אומעטום, פֿון איבעראַל, צום טורעם פֿון אינטערנאַציאָנאַל". יאָ, מיר האָבן אַזוי טיף געגלויבט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿעלקער־פֿאַרברידערונג... אַזוי געגלויבט האָבן מיר, דער "דור פֿון אַמאָל".

און אין שטילע אָוונטן, ביי לאַגער־פֿייערן, אַרומגענומענע, באַגייסטערטע, פֿול מיט חלומות, געשפּינט טרוימען - און דו פֿלעגסט איבעררייסן די שמועסן און אָנגעהויבן זינגען. און אונדזערע שטימען פֿלעגן זיך צעהילכן אין די אַרומקיע וועלדער און בערג - און דער עכאָ האָט זיי צוריקגעוואָרפֿן - איך הער זיי נאָך היינט, איך הער די שטימע דיינע, ווען האָסט געזונגען "לאַפּטשעס", די "קרעניצע", אָדער גאָר דאָס ליד וועגן "קאַטיע": "קאַטיע, קאַטיע, קאַטערינע האָט זיך מיט אַ יאַט באַקענט, ס'איז אַ יאַט מיט אַ טשופּרינע, מיט מאַזאָלעדיקע הענט". ...אַ דור אַמאָל געווען.

דו ביסט פֿול געווען מיט איינפֿאַלן, געשאַפֿן לידער, געשריבן הומאָריסטישע "בעזימס", פּאַראָדיעס - האָסט שטענדיק געהאַט איינפֿאַלן. איינפֿאַלן צום "פֿאַרבעסערן", "פֿאַרשענערן" דאָס שווערע לעבן פֿון יידישן קינד אין פּוילן, מאַכן עס העלער. "אָ, די וועלט וועט ווערן בעסער, ליבע גרעסער, שנאה קלענער" - האָסט עס געזונגען אַזוי אָפֿט - און מיר אַלע, אין אַלע ווינקלען פֿון פּוילנלאַנד האָבן זיך פֿאַראייניקט אין דעם מעכטיקן געזאַנג! מיר האָבן געגלויבט מיט דיר צוזאַמען... געווען אַמאָל אַ דור!

דו ביסט, צום גליק, אין טאָל פֿון טויט נישט געווען, אָבער דער ווינט האָט די אַשן פֿאַרטראָגן אין דער ווייט, און אויף דיינע שוין נישט בלאָנדע האָר אַשעלעך געוואָרפֿן פֿון "דאָרט" - פֿון די טאָלן פֿון טויט און יאָמער! האָסטו נאָך מער פֿון זיך געגעבן, האָסט מער געפֿאָדערט פֿון זיך. און פֿון אַרום האָסט דעם "אַמאָל" געוואָלט איינקאָרפּאָרירן אין דעם נייעם אַרום, אין דער "נייער ווירקלעכקייט". האָסט פֿון זיך געגעבן דאָס מאַקסימאַלסטע, ווייל אַ טייל פֿון דער ירושה האָט דער ווינט דיר געבראַכט, צוזאַמען מיט די אַשן פֿון "דאָרט", פֿון דיינע גאַסן, און געסלעך, פֿון דיינע אומגעקומענע חברים, פֿריינד! האָסט די שטראַלן אָנגעהויבן פֿנאַנדערטיילן, אין שול־אַרבעט, לערעריי, רעדאַקטירן צייטונגען, זשורנאַלן, שרייבן אַרטיקלען, זאַמלען יידישע לידער - צוזאַמען מיט דיין באַשערטער. האָסט די קליינע זוימען פֿאַרזייט אין דיינע קינדער און אייניקלעך. ווי אַ גערטנער די זוימען פֿונאַנדערגעוואָרפֿן און געוואַרט, אַז זיי זאָלן אָנהויבן בליען. האָסט געוואַרט, געווען געדולדיק, און מיט דיין שטילער געמיטלעכקייט - געהאָפֿט!

געווען אַ דור, אַזאַ פֿולער, טרוימערישער דור! אַ דור פֿון ריזן! די האָסט געהערט צו זיי יאָסל - האָסט דעם "אַמאָל" מיטגענומען מיט זיך אין דיינע וועגן און אומוועגן, און

(סוף אויף ז' 67

# אין אָנדענק פון רחל בוימוואַל

מיר האָבן באַקומען אַ בריוו פון ירושלים וועגן אַ ליטעראַרישן אָוונט צו די שלושים נאָך דער באַוווסטער דיכטערין רחל בוימוואָל, וועלכע האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר ברענגען דעם לענגערן בריוו מיט געוויסע קירצונגען. רעד.

אונטערן פאָרזיץ פון מרדכי דוניץ איז אין דער ירושלימער יידישער קולטור-געזעלשאַפט אָפּגעמערקט געוואָרן די שלושים נאָך רחל בוימוואָל. דער שרייבער אלי ביידער האָט דערמאָנט, אַז רחל בוימוואָל האָט קיין מאָל נישט געשריבן קיין דיפעראַמבן דעם "פאָטער פון אַלע פעלקער". אין אַ סך לידער פון די לעצטע יאָרן דריקט זי אויס איר גרויסע ליבע צו ארץ ישראל. אין יענע שווערע יאָרן פון באָלשעוויסטישן רעזשים האָט זי אַרויסגעוויזן מוט און העלדישקייט. ווען פון מאָסקווע האָט מען, למשל, געוואָלט אַרויסשיקן דעם באַוווסטן קעמפער פאַר מענטשנרעכט וולאַדימיר בוקאָווסקי, ווייל ער האָט אין ערגעץ נישט געאַרבעט (אַנשטאַלטן האָבן מורא געהאַט פאַר קגב צו נעמען אים אויף אַ באַליביקער אַרבעט), האָט עס געטאָן רחל בוימוואָל, אויסנוצנדיק איר רעכט, ווי אַ מיטגליד אין שרייבער-פאַראיין, צו האָבן אַ סעקרעטאַר.

איר איינציקן זון יוליוס האָט זי און איר מאַן, דער דיכטער זיאַמע טעלעסין ז"ל, אַזוי דערצויגן, אַז ער איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער קעמפער פאַר מענטשנרעכט און האָט אַ סך געליטן פון יענעם רעזשים.

מיט אַ רעפעראַט וועגן רחל בוימוואָלס שאַפן איז אַרויסגעטראָטן דער שרייבער און היסטאָריקער פון מזרח-אייראָפּעישן יידנטום ד"ר העשיל קלעפּפיש. ער האָט אָפּגעמערקט, אַז רחל בוימוואָל האָט מייסטעריש פאַרגעזעצט דעם בייטראָג פון פרויען אין דער יידישער ליטעראַטור. אין אירע לידער איז אויסגעדרוקט די ליבע צום יידישן פאָלק. די שענסטע, רירנדיקסטע לידער זענען געווידמעט ארץ ישראל. ס'איז שווער צו געפינען אַ שרייבער וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן ארץ ישראל ווי זי. אויך גרויס איז איר ליבע צו יידיש. אין איינעם פון אירע לידער זאָגט זי: "פון דעם וואָס איך האָב זיך דערוווסט אין יידיש, מיין גאַנצן לעבן כ'גיי אַרום פאַרחידושט".

דערציילנדיק וועגן איר בוך אידיאָמאַטישע אויסדרוקן "אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט", באַמערקט העשיל קלעפּפיש, אַז דאָס זענען פאָרשונגען פון אויסדרוקן וואָס פון זיי זענען געבוירן געוואָרן סינאָנימען, שפּריכווערטער, פאָלקסווערטלעך. אַלע קאַפּיטלען פונעם בוך זענען אַ געזאַנג צו די מעלות פון יידיש-לשון.

רחל בוימוואָל האָט געשריבן ביז דער לעצטער שעה פון איר לעבן. אַ גרויסע דיכטערין איז אַוועק פון דער וועלט. זי וועט אין אַלע דורות דערמאָנט ווערן מיט כבוד.

מיט דערינערונגען וועגן רחל בוימוואָל איז אַרויסגעטראָטן מיכל בן אברהם. ווי אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער ראַדיאָ-אוידיציע האָט ער פאַרגעלייענט איבער הונדערט אירע לידער אויף ראַדיאָ. עס האָט אויך גערעדט אהרון שוואַרצמאַן, וועלכער האָט, באַזוכנדיק רחל בוימוואָל, געשאַפן אַ פילם וואָס ער האָט טיילווייז דעמאָנסטרירט און דער פאַרזאַמלטער עולם האָט געהערט דאָס קול פון דער דיכטערין אין זאַל איז אויך געווען איר זון יוליוס.

אלי ביידער

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* אלכסנדר שפּיגלבלאַט: "דורכן שפּאַקטיוו פון אַ זייגערמאַכער". י.ל. פּרץ פאַרלאַג, תל־אביב 2000, 207 זז'. דאָס איז אַ ביז גאָר אָריגינעל בוך זכרונות פון דעם באַקאַנטן דיכטער א. שפּיגלבלאַט וואָס נעמט אַרום זיינע איבערלעבונגען זינט די קינדער־יאָרן אין זיין בוקאָווינער היימשטאָט קימפּעלינג, ביז דעם גרוש טראַנסניסטריע, דעם שטח צווישן דניעסטער און בוג, ווו די דייטשן צוזאַמען מיט זייערע פאַשיסטישע רומענישע מיטהעלפער האָבן פאַרשיקט די יידן פון דער בוקאָווינע.

דער מחבר ברענגט אַרויס אַ גאַלעריע אינטערעסאַנטע געשטאַלטן מיט זייערע מענטשלעכע מעלות און שוואַכקייטן, וואָס גייען אַדורך דעם פּרוּווּשטיין פון גוטע און שווער־טראַגישע צייטן. עס איז אַ בוך וואָס לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם פון אָנהייב ביזן סוף.

* סיני לייכטער: "אַנטאָלאָגיע פון יידישע פאָלקסלידער" – פינפטער באַנד, דער געבירטיג באַנד. אַרויסגעגעבן דורך דעם העברייִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים, 2000. דאָס איז אַ פּראַכטבאַנד, גרויסער פאָרמאַט, מיט אַלע לידער פונעם באַרימטן יידישן פאָלקס־דיכטער, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן אין 1942־סטן יאָר אין קראָקעווער געטאָ. אַלע לידער ווערן געבראַכט אין יידישן אָריגינאַל און אין לאַטייניש׳ער טראַנסקריפּציע, ווי אויך אין העברעיִשער און ענגלישער איבערזעצונג, און מיט אַנטשפּרעכיקע נאָטן. פאַראַן אויך אַן אַרייַנפיר און אַן אינפאָרמאַטיווער עסיי פון סיני לייכטער וועגן געבירטיגס געטאָ־לידער, ווי אויך קורצע עסייען פון אליהו האָניג, ישׂשכר פאַטער און יוסף ווולף.

וועגן דעם באַטייט פון געבירטיגס לידער (און אויך פונעם בוך) שרייבט סיני לייכטער צוו"אַנד: "די איידעלע שטימע פון מרדכי געבירטיגן פּילט ווייטער אָן די נשמות פון מיליאָנען יידן און נישט־יידן... די דאָזיקע לידער זענען אַ קוואַל פון וויסן און באַקאַנטשאַפט וועגן דעם לעבן, די טרוימען, די בענקשאַפטן, די מאָראַלישע ווערטן, פרייד און צער פון דעם אומגעבראַכטן אייראָפּעיִשן יידנטום."

* מרדכי שעכטער: "דער איינהייטלעכער יידישער אויסלייג – פון פאָלקשפּראַך צו קולטורשפּראַך" תקנות פון יידישן אויסלייג (זעקסטער אַרויסקום) אַרויסגעגעבן דורך: יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט־ייוואָ און יידיש־שפּראַכיקער רעסורסן־צענטער ביי דער יידיש־ליגע, 175 זז', ניו־יאָרק 1999. דאָס בוך עפנט זיך מיט אַ "וואָרט פריער" פון שיקל פישמאַן און אַ הקדמה פון מחבר. אינעם "וואָרט פריער" שרייבט ד"ר שיקל פישמאַן צוו"אַ: "מרדכי שעכטער שטייט שוין אַ האַלבן יאָרהונדערט אויף דער וואַך לטובת יידיש ווי אַ קולטורשפּראַך, אי דורך זיין אַרבעט אין ייוואָ אי דורך זיין אַרבעט

←

(סוף פון ז' 65)

געטראָגן אים אין דער נייער סביבה. ביסט געוואָרן יוסף מלאָטעק, דער פילאַר פון יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע, דער רעדאַקטאָר, שרייבער, לערער, לעקטאָר – אָבער אַלץ געבליבן דער גוטער, האַרציקער חבר, מענטש! זענען דיינע חלומות מיטגעגאַנגען מיט דיר. אין דיין לעצטן וועג. און איינער פון דעם דור, וועלכער איז געווען דער "אַמאָל", איז איינגעשלאָפן אויף אייביק, און מיטגענומען דעם ווייטן "אַמאָל" אין דער אייביקייט! געווען אַ דור אַזאַ, אַ גאַנצער, אַ שטאַרקער – פול מיט נשמה און טיפן גלויבן, מיט וואָרצלען טיף פאַראַנקערטע. געווען!

אין אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע שייכותן. די איצטיקע אַרבעט זײַנע איז בלויז אַ ווייטערדיקער סמן פון זײַן שטאַרקער אַרײַנגעטאָנקייט און פון זײַן גרויס וויסן בנוגע יידיש ווי אַ קולטורשפּראַך בכלל און בנוגע יידישן אויסלייג בפרט".

* "די צוקונפט", יאַנואַר־מערץ 2000, ניו־יאָרק. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. רעדאַקציע־קאָלעגיע: חיים ביידער, הערשל בלעזער, יאָסל מלאָטעק, יאָני פיין. פאַרוואַלטער - שלמה קרישטאַל.

* "יידישע קולטור" יאַנואַר־פעברואַר 2000, ניו־יאָרק. חודש־שריפט פונעם יידישן קולטור־פאַרבאַנד. רעדאַקטאָר - איטשע גאָלדבערג, רעדאַקציע־סעקרעטאַר — שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש.

* "אויפן שוועל", אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, אַפּריל־יוני 2000, ניו־יאָרק. רעדאַקטאָר ד"ר מרדכי שעכטער.

* "דוד האָפשטיין פּרייז". צום פאַרטיילן דעם היי־יאָריקן פּרייז א"נ פון גרויסן יידישן דיכטער־קדוש איז ווידער דערשינען אַ שיין רעדאַקטירטע עסטעטישע בראָשור מיט לידער פונעם דיכטער און קורצע "שטריכן פונעם דיכטערס געשטאַלט און געמיט", געשריבן פון איציק קיפּניס. די היי־יאָריקע לאַורעאַטן זענען: צבי אייזנמאַן און חיים ביידער. ביידע שרייבער זענען פאָרגעשטעלט מיט פראַגמענטן פון זייערע שאַפונגען און די מאָטיוון פון דער זשורי.

* "אונדזער צייט" מאַי־יוני 2000, ניו־יאָרק. אָרגאַן פון קאָאָרדינירער־קאָמיטעט פון בונד. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* "לעבנס־פראַגן" מאַי־יוני 2000, תל־אביב. סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. רעדאַקטאָר - יצחק לודען.

* "יידישע העפטן" יולי־אויגוסט 2000, פּאַריז. רעדאַקציע־קאָמיטעט: הענרי בולאַווקאָ, קלאָד האַמפּעל, מרדכי לערמאַן, מילכה שולשטיין און שאַרל זאַבוסקי.

* "צום פּונקט", יידיש פון גרויס־וואַשינגטאָן, יוני 2000 (יידיש און ענגליש). רעדאַקטאָר פון יידישן טייל - בערנאַרד קאָנאָפּקאַ; רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל - שעלבי שאַפּיראָ.

## אַרכיוו־ווינקל

ווי מיט אַ יאָר פריער, ברענגען מיר דערמאָנונגען וועגן דער טעטיקייט פון אונדזער קולטור־קלוב מיט 50 יאָר צוריק.

ליידער האָבן מיר בלויז 2 באַריכטן פון 1949–1950 זמן.

***

* שבת דעם 22־טן אָקטאָבער 1949 איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער ליטעראַרישער יום־טוב לכבוד דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, וועלכער איז פרעמירט געוואָרן פון דעם "לואיס לאַמעד פאָנד" פאַר זײַן פּאָעטיש ווערק "אין שאָטן פון מיין בוים". אין פּראָגראַם האָבן אָנטייל גענומען: אליהו טענענהאָלץ, בצלאל שערמאַן, פייגעלע פּאַניץ, יודזינאַ ברומאַן און שין מילער. י. פרידלאַנד - פאָרזיצער.

*שבת דעם 8־טן אַפּריל 1950 האָט דער באַוווסטער יידישער און העברעישער אַרטיסט פון ישראל בן אסתר דורכגעפירט אַן אייגנאַרטיקן פּראָגראַם פון געזאַנג, הומאָר און אימפּראָוויזאַציעס;

**יוסף סאָסקי - אַרכיוויסט**

# כראָניק פון ל.אַ. יידישן קולטור־קלוב

## (מערץ - יוני 2000)

* מוצאי שבת 4־טן מערץ, ד"ר מ י י ק ל נ ו ט ק ע ו ו י ט ש, לעקציע אד"ט "די פּאָליטיק פון דער נייער אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע און ישראל, היסטאָרישער איבערבליק. פראַגן און ענטפערס.

* מוצאי שבת 25־סטן מערץ, מ ש ה ש ק ל י אַ ר, רעפעראַט אד"ט "שרייבערס פון געטאָ". מוזיקאַלישער פּראָגראַם: פידלער ס ע ם ק אָ נ ו ו י י ז ע ר, אַ ל אַ ק אָ נ ו ו י י ז ע ר - פּיאַנאָ־באַגלייטונג.

* מוצאי שבת 8־טן אַפּריל, פּראָפ. ס אַ ר אַ מ אַ ס ק אָ ו ו י ט ש, לעקציע אד"ט: "פרויען פּאָעטן אין אונדזער יידישער ליטעראַטור". אין מוזיקאַלישן טייל: כאָר פון אַרבעטער־רינג אונטער דער אָנפירונג פון מ ל כ ה ש א ו.

* מוצאי שבת 15־טן אַפּריל, יזכור־אָוונט אין אָנדענק פון די העראָישע געטאָ־קעמפער און די זעקס מיליאָן קדושים פון אונדזער פאָלק. דערפענונג: ע ר י ק ג אָ ר ד אָ ן, דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג; אַריינפיר־וואָרט, ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר, פּאָרזיצערין פון יידישן קולטור־קלוב. ענגלישע איבערזעצונג - ה ע ר ש ל ה אַ ר ט מ אַ ן, לידער פון קאַמף און האָפענונג - מ אַ ר ק ל י ו ו י, פאָלקס־זינגער; געטאָ־לידער אויסגעפירט דורך דעם אַרבעטער־רינג כאָר און דעם כאָר "מיט געזאַנג", דיריגענטן מ ל כ ה ש א ו און מ י ש ע ל ג ר י ן. סימבאָלישע ליכט האָבן געצונדן לעבן־געבליבענע פון חורבן.

* מוצאי שבת 23־סטן אַפּריל, ר ע י ג ו ד מ אַ ן, לעקציע אד"ט: "כּישוף און אבערגלויבן אין יידישן לעבן". פראַגן און ענטפערס.

* מוצאי שבת 13־טן מאַי (אין די ראַמען פון "יידישקייט פעסטיוואַל", וואָס האָט געדויערט אין שטאָט צוויי וואָכן און געהאַט אַ גרויסן אָפּקלאַנג נישט בלויז אין דער יידישער סביבה): חשובער גאַסט־רעדנער פון ניו־יאָרק, רעדאַקטאָר פון יידישן "פאָרווערטס" און באַקאַנטער שרייבער ב אָ ר י ס ס אַ נ ד ל ע ר, רעפעראַט אד"ט: "דער ווידערוווּקס פון דער יידישער ליטעראַטור". פראַגן און ענטפערס.

* מוצאי שבת 3־טן יוני, לעקציע פון ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר אד"ט: "דער ליטעראַרישער שאַפונגס־וועג פון פראַנץ קאַפקאַ". באַמערקונגען וועגן יום ירושלים - נ ת ן ש ט י י נ מ אַ ן.

* מוצאי שבת 17־טן, יוני, שלוס־אָוונט פון קולטור־סעזאָן. באַריכט פון אַ יאָר אַרבעט - ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר; י ע ק ב ב אַ ס נ ע ר אין אַ פּראָגראַם פון יידישן הומאָר. מוזיקאַלישער פּראָגראַם - ס ע ם און אַ ל אַ ק אָ נ ו ו י י ז ע ר.

* * *

זונטיק דעם 13־טן אויגוסט האָבן מיר אָפּגעמערקט די 48־סטע יאָרצייט פונעם מאָרד איבער די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס. די טרויער־פאַרזאַמלונג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך אונדזער קלוב צוזאַמען מיט דעם אַרבעטער־רינג, דער שלום־אָרגאַניזאַציע, "יידישקייט" און אַנדערע וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם, צווישן דעם אַ סך יונגע מענטשן. דער רייכער פּראָגראַם איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. באַזונדערס האָט אויסגענומען די אָריגינעלע אינסצעניזאַציע באַזירט אויף אַרכיוו מאַטעריאַלן פונעם מאָסקווער פּראָצעס. די אינסצעניזאַציע האָט באַאַרבעט ה ע ר ש ל ה אַ ר ט מ אַ ן, סוף אויף ז'

וועלכער האָט אויך איבערגעזעצט אין ענגליש אַ ריי לידער פון די אומגעבראַכטע שרייבערס, וואָס זענען פאָרגעלייענט געוואָרן בעת דעם נאָכמיטאָג אין יידיש און אין ענגליש.

ע ר י ק ג אָ ר ד אָ ן פון אַרבעטער־רינג און ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר פון אונדזער קלוב האָבן אין זייערע אַריינפיר־ווערטער דערמאָנט די טראַגישע געשעענישן פון יענער צייט. אייניקע קלאַסישע מוזיק־נומערן האָט אויסגעפילט פ ר אַ נ צ י ס ק אַ ב אָ ר י ע אויף איר וויאָלענטשעל.

**נתן שטיינמאַן**

# דאַנק־ווערטער פון לילקע מייזנער

בעת דעם יום־טוב פון 100 יאָר אַרבעטער־רינג וואָס איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין לאָס־אַנדזשעלעס, האָט די פּאָרזיצערין פון יידישן קולטור־קלוב, לילקע מייזנער, באַקומען אַן אויסצייכענונג פּאַר איר לאַנגיאָריקער אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור. און דאָס זענען די דאַנק־ווערטער פון ל י ל ק ע  מ י י ז נ ע ר:

חשובה פּאַרזאַמלטע.

איך געהער צו דעם דור וואָס איז אומגעקומען, וואָס איז אויף אַ מוראדיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן. איך בין אַ לעבן געבליבענער אָפּגעבערענטער צווייג פון דעם גרויסן. שאַרקן, דעמבענעם בוים וואָס האָט געהייסן פּויליש יידנטום. פּונקט ווי דער לעגענדאַרער סיזיפוס טראָגט דעם שטיין אויף זיינע אַקסלען - טראָגן מיר - איך און איר, די ירושה פון אונדזערע אומגעקומענע עלטערן, ברידער, משפחות, פריינד, חברים; די ירושה פון נישט דערזאָגטע ווערטער, נישט פאַרענדיקטע געזאַנגען, טרוימען נישט דערלעבטע.

שוועבן דאָ אין זאַל היינט זייערע נשמות צוזאַמען מיט מיר, און אין מיר.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן אַ דאַנק און אויסדריקן מיינע טיפע געפילן פון ליבע צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן אין מיר איינגעפלאַנצט די קאָלאָסאַלע ליבע צום יידישן וואָרט, צו מיינע לערער פון דער יידישער וועלטלעכער שול אין מיין היים שטאָט לאָדזש, וועלכע האָבן מיך געלערנט צו טרוימען אין יידיש; צו מיינע בונדישע אידעאַלן פון סאָציאַלן יושר, ליבע צו יידישע קולטור־ווערטן און ליבע צום יידישן פאָלק; צו מיין שלמהן, וועלכער האָט אַזוי ליב געהאַט אַלץ וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט יידישע ווערטן; צו אונדזערע קינדער און אייניקלעך, וועלכע האָבן פאַרשטענדעניש און דרך־ארץ פאַר אונדזער פאַרגאַנגענער וועלט; צו דעם יידישן קולטור־קלוב אין ל.א., וועלכער האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט ווייטער צו קאָנטינוירן די יידישע קולטור־אַרבעט, און צוזאַמען מיט דער איבערגעגעבענער מיטגלידערשאַפט שפינען דעם איבערגעריסענעם פאָדים. און לסוף צו די, וועלכע האָבן היינט דאָ אָנערקענט די ווערטן פון אונדזער ירושה - צום אַרבעטער־רינג אין ל.א. - און דעם דינאַמישן דירעקטאָר עריק גאָרדאָן - די אַלטע הונדערט־יאָריקע יידישע סאָציאַליסטישע פראַטערנעלע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט דאָ, אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן, געהיט, געפלעגט און געקעמפט פאַר יידישע און אַלמענטשלעכע חשיבות! געקעמפט פאַר אָנהאַלטן יידישע קולטור־ווערטן, יידישע שולן - און אַ בעסערע און שענערע וועלט!

איך טייל זיך היינט מיט דער־אַ אָנערקענונג מיט די אַלע, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן - און העלפן ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט פון פלעגן, היטן, און קאָנטינוירן אונדזער אַלעמענס ירושה. די ירושה פון דער גאָלדענער קייט פון יידישע קולטור ווערטן, איר שפּראַך - מיין, אונדזער מאַמע לשון. לאָמיר צוזאַמען טרוימען און דורך דעם טרוים פאַרווירקלעכן די צוקונפט, אַז נישט לאיבוד זאָל זיין די אַרבעט פון אונדזערע שעפער, לערער, שרייבער, דענקער! לאָמיר זיך אַלע מיען און צוזאַמען וועלן מיר עס דערגרייכן. אין אונדז אַליין ליגט דער כוח, נאָר אין אונדז אַליין!

* * *

אַ האַרציקער דאַנק צו אַלע די, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט מיט גוטע ווונטשן צו דעם גרויסן אָנערקענונג־אָוונט פון הונדערט יאָר אַרבעטער־רינג.

מיין האַרץ איז איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט.

לילקע מייזנער, קינדער און אייניקלעך

# דער דיסטריקט קאמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join now!

**ARBETER RING/**
**THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007

## לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע*
*אונדזערע מיטגלידער און פריינד*
*בכל מקום שהם*

**תכלה שנה וקללותיה**
**תחל שנה וברכותיה**

ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג

טשענקין ווייסבערג, פרעז.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פֿריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן צו די שרייבער,
אַדמיניסטראַציע און לייענער פֿון "חשבון". זאָלן אייערע הענט
געשטאַרקט זיין ביים פֿאַרשפּרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די
קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפֿענע אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

---

**ליינער, שמחה און משפּחה**

---

**הירש, צבי און טאָני –**
צו משפּחה, פריינד און מיטגלידער פון יידישן קולטור קלוב
שנת ברכה והצלחה

---

**סילבער, אַדעל און אייזיק**
בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר,
שלום אין ישראל און און דער וועלט!

---

יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר.
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

אַלען טראַגאַרוש – סעק

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**בלושטיין, שרה**

---

**לובין, דוד**

---

**מייזנער, לילקע**

---

**קאַפּלאַן, רחל און דוד**

---

**ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ –**
***פּאָרטלאַנד, אָרעגאַן***

---

בייקער, מ.ה. און פאַמיליע
באַלבער, מאַרק
באָראָוויק, לייב
בענדער, סאַבעל
הענדלער, טרוים און פראַנק
ווייס, עדנא
וועלטמאַן, פראַניע
זאַיאָנץ, מייקל און וולאַדיסלאַוו

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

זעלמאַן, קובא און אסתר

טשעסנין, רחל און פימאַ

לעווין, ען און דזשעק

לעוועטאַל, בעבע און לי

פראָפ. מאָסקאָוויטש, שרה און איציק

סאָסקי, העלען און יוסף

סטעמפּעל, טינא

סייד, עטל

סלוצקי רחל און מענדל

סלוצקי, יעווגעניאַ און אברהם

ד"ר פישמאַן, בערט און בעטי

ד"ר פישמאַן, שיקל, געלע און משפחה

פיילי, אהרון

פעלנער, פייגע און מאַראָקאָ משה

פראָפ. פרייקס, דזשעראָלד

קאהן, גאָלדי

קאָנאָפּקאַ, יאָהאַנאַ און בערנאַרד

קאַרפּ־לעפּקאָוויטש, סימאַ

קיעל, מאַרק און משפחה

קרישטאַל, שלום

שאַפּעראָ, ריי און מאַרטין

שוואַרץ, רעניי

שטיינגאַרט, צירל און העגרי

שיין, אַן און לוסי

*שנה טובה - אַ גוט געזונט יאָר צו אַלע אונדזערע פריינד*
*און צו דער יידישער שרייבער־משפחה אין ישראל*

שייפער, דאָראַ און יעקב

שלאָסער, נעכאַ

# שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

בורמאַן, געניע און אלבא, ווילי

לאַקס יוסף און לאה

גערבער, סעמיאַן

לעווין, רעגינאַ און יעקב

גילינסקי, ליובאַ

ליפשיץ, אסתר

ד"ר האַדאַ, דזשאַנעט און אַלען

מאַלעוויטש, זעלדע און פסח

טאָבין

מאָרגנשטערן, ישראל

הענלי, מאַשאַ

ניומאַן, דניאל

הערבסט, מרים און הערי

פראָפ. צוקערמאַן, מאַרווין און קאַטערינאַ

טייטלבוים, שפרה

קאָראַל, מרים

---

באַסנער, יעקב

סאַפּאַדי, מיכאלה

גודמאַן, קעי

שאָ, מלכה און מעני

זאַלען, ריטשאַרד

שווייצער, לאה און באָרמאַן

פלאָם, גילאַ און שיראַ

שטיינמאַן, נתן

שקליאַר, משה און דבורה

---

טייערע מאַניע, נעלי, וולאָדעק און קינדער.

מיר זענען אין טרויער צוזאַמען מיט אייך

אויפן טויט פון אייער ליבן מאַן, פאַטער און זיידע

## יוסף גאָלדקאָרן

אונדזער גוטן פריינד, דעם באַקאַנטן

יידישן זשורנאַליסט און שרייבער.

זייט געטרייסט, אייער -

דאָרקע און משה שקליאַר